## צו אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און פֿריינט פֿון „לשון און לעבן“

ווי אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע, ערשט ווי אַ שמאָל דין־העפֿטל פֿון אַכט זייטן און איצטער אַלס זשורנאַל פֿון 64 זייטן טרעטן מיר אַריין אינם אַכטן יאָר־גאַנג. ווען אונדזערע לעצטע צוויי אויסגאַבעס זיינען דערשינען מיט עטלעכע זייטן ווייניקער איז עס מחמת דער קנאַפּהייט פֿון פּאַפּיר און די אַלגעמיינע באַגרעניצונגען פֿאַר רוישטאָפֿן.

פֿון אָנהייב אָן פֿונם אַרויסגעבן פֿונם ערשטן העפֿטל ביז צום לעצטן נומער פֿונם איצטיקן זשורנאַל קומט עס אונדז אָן מיט קריעת ים סוף. אין די לעצטע חדשים זיינען מיר אַריין אין חובות ביים דרוקער. מיר האָבן אונדזערע פֿריינט און חברים נישט אַלאַמירט. דער זשורנאַל איז יעדן חודש טראָץ אַלע שוועריקייטן פּינקטלעך דערשינען.

כדי ווייטער צו קענען אָנהאַלטן דעם געהעריקן סטאַנדאַרד (איר ווייסט גאָרנישט ווי ווייַ עס טוט אַ רעדאַקטאָר אָפּצולייגן אַ ליד, אַ דערציילונג, פֿון חודש צו חודש פֿון אַ באַקאַנטן שרייבער — 16 זייטלעך, אויסגעלאָזטע, קענען דעם חסרון ממלא זיין!) בעטן מיר אונדזערע אַבאָנענטן אָן אויפֿפֿאָדערונג און מאָנונג צוצושיקן תיכף ומיד דעם סכום, וואָס זיי זיינען שולדיק, און ווער ס׳איז בכח פֿאַר אַ יאָר אין פֿאָראויס.

מיר בעטן די אַבאָנענטן און די לייענער פֿון „לשון און לעבן“ צו פֿילן אַ חוב צו שאַפֿן פֿרישע לייענער און אַבאָנענטן פֿאַר אונדזער פּעריאָדישע אויסגאַבע.

די דאָזיקע באַשיידענע מיטהילף אייערע וועט העלפֿן צו דערהאַלטן און צו פֿאַרגרעסערן די אויפֿלאַגע און אַזוי אַרום אויך פֿאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט דאָ אין לאַנד.

אונדזערע לייענער און זייערע פֿריינט, וועלכע שטייען אינם געשעפֿטס־לעבן ווערן געבעטן אונדז צו זיין בייהילפֿיק מיט געשעפֿטס־אַנאָנסן. אויך דאָס קען זיין אַ בוישטיין צו אונדזער וויכטיקער אַרבעט.

מיר טיילן אייך מיט, אַז עס איז געבילדעט געוואָרן אַ געמיינזאַם סעקרעטאַריאַט פֿון „לשון און לעבן“ און „פֿריינט פֿון יידיש לשון“, אָנגעפֿירט פֿון אונדזערע מיטאַרבעטער יהודה ביעטש און אליהו פּאַלושאַק.

אין אַלע ענינים, אָנפֿראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף די פֿאָלגנדיקע אַדרעס:

E. Paluszak, 64 Lauriston Road, Hackney, E.8. London.


## אין דער בוכבינדעריי פֿון מ. מינדעל

ווערן אויסגעפֿירט אַלערליי אַרבעטן, אַלטע און נייע, לויט יעדנס פֿאַרלאַנג

M. MINDEL 11 Woodseer St., E1. (Brick Lane) *Phone: BIS. 2647*


# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פֿאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

אַכטער יאָרגאַנג | נאָוועמבער 1947 לאָנדאָן | **נומער 11** (העפֿט 94)


## צום נייעם סעזאָן פֿון אונדזערע יידישע טעאַטערס

1. לכבוד אונדזערע צוויי אַקטריסעס עטאַ טאָפּל און חנה צעלניקער און איבער אונדזערן לאָנדאָנער בית־דין

אונדזערע ביידע יידישע טעאַטערס, סיי דאָס „מלוכה־טעאַטער“ און סיי די „חברים־גרופּע“־טעאַטער, פֿירן ביידע אויף: כאַנטשע פֿאָרט קיין אַמעריקע“. ד.ה. די הימל־שרייענדיקע פּלאַקאַטן זיינען פֿאַרשידן און יעדער וואָך לייענען זיי זיך לויט אַן אַנדערן טראָפּ און לויטן קוועטש פֿון די סטאַרס, אָבער אין ביידע טעאַטערס הייבט זיך דאָס ספּעקטאַקל אָן יעדע וואָך אין דער אַלטער היים און „דער בוידעם לאָזט זיך אויס“ — אין אַמעריקע.

אָבער עפּעס האָט אין יידישלעכן טעאַטער לעבן דאָך גענומען אַ שטיקל ווענדונג צום גוטן: מ׳האָט אויפֿגעהערט צו טשאַקען מיט „ליטעראַטור“ און „קולטור“ און מיט שווימענדיקע שיפֿן, שוימענדיקע סמעטענע וואָס שיפֿן זיך דירעקט פֿון אַמעריקע... די גויאישע גאַזעטן, וואָס זיינען איצט טרוד מיט שווימענדיקע מעפּילים און יידישע מלוכה, האָבן אַפּנים, איצט בילכערע בלאָפֿס ווי שווימענדיקע „מלוכה“־טעאַטערס.

און אפֿשר איז די נייע קאָנסטעלאַציע פֿון אונדזערע סטאַרס אַן אמתע מזל ברכה (קודם פֿאַר די קאַסעס...), ווייל צווישן אונדזערע סטאַרס זיינען פֿאַראַנען צוויי „לידינג ליידיס“ — וואָלט אַזאַ פֿלוצלינגדיקע קאַלאָסאַלע ענדערונג, ווי איצינד אין אונדזער יידישן טעאַטער אין ווייטשעפּל, געשען אויפֿן הימל, וואָלט די גאַנצע וועלט זיכער חרוב געוואָרן! אָבער דערפֿאַר איז דאָך אויפֿן הימל נאָר פֿאַראַן איין „לידינג־ליידי“ — איין ווענוס.

וואָלטן אונדזערע ביידע טעאַטערס כאָטש איינמאָל איצט, צום „סור־פּרייז“, אויפֿגעפֿירט אַ „שולמית“, אַ מירעלע אפֿרת“, וואָלטן אונדזערע שטערנס ווידער אויפֿגעשיינט מיט ביידע פֿאַרלוירענע וועלטן

אַז אַ פֿאַרכמורעטער פּרצדיקער „בערל כאַנטשעס“ זיצט צווישן עולם, סיי דאָ אין גרענד פּאַליי, סיי דאָרט אין „רידלעי רויד“ כ׳מיין אין „מלוכה“־טעאַטער מחוץ דער געטאָ, טוט אים ס׳האַרץ אַזוי וויי. אויף אונדזערע ביידע „כאַנטשעס פֿון אַמעריקע“. און ביידע דווקא, מיט אַזאַ היפּשן טאַלאַנט און מיט אַזויפֿיל חן.

עטא טאפל האט אונז אין די שרעקלעכע מלחמה־ווינטערס מיט איר מאמעדיק שפילן די שרעק פון די „דודל־באגס“ אפגעשריען, אין די הערלעכע סצענעס פון יעקב גארדין, שלום אש א.א. און אין די האפקעס אפילו האט זי אונז בליי געגאסן דורך א בעזעם ווי פאר דערשראקענע קינדער. עס בענקט זיך בנאמנות, נאך יענעם ווילדן געברום פון די באמבערס איבערן שפילנדיקן יידישן טעאטער אין ווייטשעפל, אצינד פארבייגייענדיק די אדלער סטריט און זעענדיק ווי דאס יידישע טעאטער איז פערוואנדלט געווארן אין א „בעריעל סאסייטי“ (אפנים דייטש־געשולטע יוריסטעריי האט שוין צופיל השפעה אויפן לאנדאנער בית־דין, אזא מין סאדיסטישן פסק אויסצוקלערן, צו פערוואנדלען א יידיש טעאטער אין אן אפיס פון א „בעריעל סאסייטי“ איז נישט נויטיק דא אין ווייטשעפל א יידישער ליין־זאל, א ביבליאטעק, א יוגנד־קלוב...) שפילט זי יעצט, עטא טאפל, ווייט פונם „געטא“, אזש דריי „הייפענים“ קאסט עס פון ווייטשעפל אהינצופארן, אבער אז מ׳קומט אהין זעט מען, אז דאס וויגעלע פון אונזער ביסעלע קולטור דא — איז ווייטשעפל. די זעלבע עטא טאפל, די זעלבע מאמעדיקע אקטריסע, אבער עס וויגן זיך נישט אונטער איר די בינע־ברעטער, אזא גרויס־מאדערנע־טעאטער און אזויפיל מענטשן! טאקע, עפעס נישט קיין געטא־יידן, בייכלדיקע, וואס ווילן רק אז מ׳זאל זיי א קיצל טון. אך, ווי דאס הארץ טוט וויי. ווי עס ווילט זיך ווידער זען אונזער עטא טאפל כאטש אין איר מאיעסטעטישע נארא ראל פון סטרינדבערג, אדער לכל הפחות פון א מאדאם עקס.

און אפשר ליגט די שולד אין בערל כאנטשעס גאר, ווייל ווי נאר ער שטעקט ארויס א פוס פון יידישן געטא — בלייבט ס׳הארץ אים שטיין, און ס׳הערט זיך אויף צו וויגן?...

און אין ווייטשעפל אונזער חנהלע צעלניקער, — איך וועל זי אזוי ווייטער רופן, כאטש פון די פלאקאטן שרייט עס שוין אראפ אנא צעלניקער, ווייל זי איז דאס געבאוועטע וואונדער־קינד אויף אונזערע ווייטשעפעלער בינע־ברעטלעך. און איז אזוי וואונדערלעך ביי אונז אויסגעוואקסן אין די הערלעכסטע ראלן פון גאלדפאדן ביז פינסקי. — גאנץ ווייטשעפל זיצט אצינד קייגנאיבער איר מיט אפענעם מויל און אויערן ווי אין קינדער־גארטן ווען די לערערין שטודירט איין א לידל און וויינט און לאכט און ווישט זיך די אויגן און פארט נאך אמעריקע — אך טי ווייטשעפל נאש! אך ווי דאס הארץ טוט וויי: וואסער וואנדערלעכער נחת, אז א יונגע און פרישע אקטריסע פאר א גוט יידיש־טעאטער עס וואלט געקענט זיין.

יא, די ענדערונג אין אונזערע צוויי טעאטערס איז מזל ברכה, זאל ער, מארק מארקאוו, „גארען“ דארטן מיט זיי מיט כאמולעס מחוץ די געטא א שטיקל יידיש טעאטער. — כ׳האב, נאר מורא אז ביז וואס ווען, כ׳מיין ביז די שיפן פון אמעריקע וועלן אנקומען מיטן מלוכה־טעאטער וועלן זיי אים, כ׳מיין מארק מארקאוון, נעמען אין חדר אריין.... דא, ביי אונז אין



ווייטשעפל, קאן איך מיך שוין פארלאזן, אז בכדי איינמאל נאר, חלילה, צו באטרעטן דעם בית־דינישן בעריעל סאסייטי וועט יעדער ייד טויזנט מאל ליבער גיין צו צעלניקערן אין טעאטער אריין, און אויב יידן גלוסט זיך דווקא אנצוקוקן אן „אינטערטעקער“ וועט ער זיי אפשפילן אונזער מאיר צעלניקער, אז זיי וועלן זיך ביי די זייטן האלטן.

און „מיום כפורים זה עד יום הכפורים הבא עלינו לטובה“ (דער סעזאן פון אונזערע טעאטערס הייבט זיך אן דא מוצאי יום כפור) זייגען אונזערע יידישע טעאטער,—אויף וואס פאר א קולטורעלן מצב, זיי זאלן נים שטיין!— אין וועלכע טויזנטער יידן קומען יעדע וואך, זיכער, נים ווייניקער בארעכטיקט ווי אלע יונייטעד־שולן וואס שטייען א גאנץ יאר ממש כמעט ליידיק.—און א יאר אויף מיר, א שטיקל חזנות מאכן אונזערע אקטיארן בעסער פון א סך אונזערע גרויסע חזנים דא, און אז אונזער צעלניקער מאכט א היימיש קאוואלטשיקל האט עס א סך מער יידישלעכקייט און קדושה אין זיך ווי ס׳גאנצע כלי קודש דא; און ביי מארקאווס רבי לוי מ׳בארדיטשעוו קאן זיך ס׳גאנצע ביסל רעבעלעך דא גיין לערנען גרימירן...

ביים ערגסטן און נידריקסטן שטיק נאך וואס משפילט יעצט אין די טעאטערס שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן: אז פונם פסולת וואס איז אראפגעפאלן פון אונזער ליטעראטור און קולטור, געשאפן אין אונזערע שטעט און שטעטלעך, קאנען הארעפאשנע יידן אזוי יידישלעך לאכן און פונם הארצן זיך אראפוויינען, וואסער געוואלטיקע פרייד ערשט און וואס הארץ־פארטיפטע ענטפלעקונגען וועט אויפגיין פון אונזער מאדערנער ליטעראטור און קולטור — א פארגלייך דערצו פאלט מיר איין, איז ערגעץ פאראן, כ׳גלויב אז עס האנדלט זיך מיט די לוחות — יא עס איז שוין בעסער צו זיין א דיין אין לאנדאן און פארגעסן א מאמר חז״ל, ווארים וואס מער איך דערמאן מיך דעם דערמאנטן פארגלייך, ווערט מיר אלץ פינסטערער אין די אויגן: עפעס ווילן יידן תמיד ליבער לאכן און וויינען און טאנצן ארום א שונדישן עגל הזהב, ווי אויף זיך מקבל זיין דעם עול פון געהייליקטער התגלות, פון פארטיפטע שאפונגען; און אז מיט פסולת פילן זיך אן די טעאטער־קאסעס, דאס איז נישט ערשט אן ענטדעקונג פון אונזערע טעאטער דירעקטארן...

ווי די פעטע הינדלעך פונם מארק אין זיין קאר קומט דאס פארשמענדריקעוועטע בעל־הביתל אהיימצוברענגען א פעטן וויץ פון יידישן טעאטער. די אחריות פאר ערנסט יידיש־טעאטער ליגט אויף די אנפירער און לייטער, פאדערן מיר עס פון זיי, ווי ווייט מעגלעך, כאטש אויף יוצא זיין וועגן.....

וועגן אונזערע טאלענטירטע אקטיארן, איןביידע טעאטערס, א צווייטן מאל. היינט נאר איבער אונזערע „לידינג ליידים“. ווייל א דאנק זיי, מסתמא, די געראטענע קאנסטעלאציע ענדערונג פון אונזערע טעאטער־גרופעס און אקטיארן פלעיארדעס, לכל הפחות, דערווייל פאר די קאסעס.

# ניוסיא גאָלד׳ס רעציטאַציע־אָוונטן אין לאָנדאָן

קיין סך האָבן זיך ניט אָפּגעראַטעוועט פון אונזערע אַקטיאָרן אויפן קאָנטינענט. זייער וועג איז געווען צוזאַמען מיט אַלע אונזערע מיליאָנען. און לויט ווי מיר ווייסן יעצט פון אויסגעגראָבענע אַרכיוון און פון די באַריכטן פון די וואָס זיינען געראַטעוועט געוואָרן זיינען אונזערע אַקטיאָרן געווען אין די געטאָס דאָס ביסעלע פרייד און האָפּערדיקייט פון די דערשלאָגענע און פאַרמוטשעטע יידן. און נאָך פאַר די טויערן פון די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריומס האָבן זיי געדינט די קדושים בקדושה וטהרה: זינגענדיק פאָלקס־לידער, פאַרלייענדיק שטיקער פּרץ זיינען זיי אויפגעגאַנגען אין די פלאַמען, און מיטן געזאַנג פון קאַמף לידער זיינען זיי געפאַלן אין די פראָנטן פון די פאַרטיזאַנער מחנות.

נישט קיין סך זיינען פון אונזערע קינסטלער איבערגעבליבן אויפן קאָנטינענט, אָבער די שארית־הפליטה פון זיי זאַמלען זיך ווידער צוזאַם. און אין פוילן אין פאַריז אין די קעמפּס אין דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע שפּילט מען יעצט יידיש טעאַטער — אויף אונז דאָ געזאָגט געוואָרן!

יאָ, צו גאָלד זיינען געגליכן די שאַפונגען פון אַ פאָלק: זיי מוזן ערשט אַדורכגיין די שווערע פייער פּראָבעס, אַז זיי זאָלן דאָס פּסולת פון זיך אויסשיידן קענען — דאָס פּראָגראַם, וואָס ניוסאַ גאָלד, וועלכע איז צו גאַסט דאָ ביי אונז פון פאַריז, איז מענדעלע, פּרץ שלום־עליכם און אַש, ביאַליק, פּעפּער, לוצקי און שולשטיין.

ווייסט איר ווי מ׳פילט זיך, ווען מ׳הערט אַ פּראָגראַם פון צייט־דיכטונג אַ געמישטע מיט מאָנאָלאָגן פון אונזערע קלאַסיקער, ס׳איז ווי מ׳וואָלט זיך צוגעהערט צו אַ וויינענדיקע מאַמע וואָס באַקלאָגט איר טויט קינד. זי רייסט זיך די האָר, זי יאָמערט און שרייט און פלוצלונג, מיטאַמאָל, בלייבט זי זיצן אַ צעשטראָלטע, אַ צעשמייכלטע אויף איר נידריקן שבעה־בענקעלע און זי הייבט אָן אויסצורעכענען די מעלות פון איר פאַרשטאָרבענעם איינציקן זון, אין קרוין, איר אויג אין קאָפּ: ווי שיין ער איז דאָס געווען, ווי געראָטן, יעדעס ביינדעלע זיינס אויסצוקושן! און אַריינקומענדיק אַזוי אין אירע זיסע זכרונות פאַרגעסט גאָר, אַז איר זון איז טויט — ווי איבער אַ לעבעדיקן רעדט זי איבער אים! זי לאַכט, זי פרייט זיך, און די קלאָגווייבער אַרום איר, די שכנות רוקן זיך ענגער אַרום איר צוזאַם און קוקן און קוקן איר אין די אויגן מיט וואונדער און באַוואונדערונג — — —

דאָס וואָס ניוסאַ גאָלד האָט ערשט נויטיק צו טוישן די קליידער, לויטן כאַראַקטער פון יעדן פּראָגראַם־נומער, כדי די שטימונג אַרויסצורופן, רייסט זי דערמיט גיכער איבער די שטימונג ווי זי מאַכן שטאַרקער און עכטער....

יעצט צום פּראָגראַם גופא! דאָס גאַנצע האַרץ אירס לייגט זי אַריין אין דעם געטאָ־מאַרש פון שלום אַש און אין די אַנדערע צייט־מאָטיוון.



אָבער קאָן מען דען מער אַרויסבאַקומען דערפון ווי אונזער אַלעמענס מאַכטלאָזיקייט? און אַז מ׳זאָל צערייסן אויף שטיקער זיך דאָס לייב וועט עס דען אַרויסרופן מער ווי אַ סענטימענטאַלע טרער — אינם גרויזאַמען קעגנוואָרט פון דעם געשעענעם! אונזערע הערצער זיינען נאָך נישט פאַרשטיינט אין די ווערטער, אַז מ׳זאָל אין זיי קאָנען אויסהאַקן ווי פון שטיין. אָבער מיר אַלע מוזן דאָס טון, — נישט נאָר בכדי יוצא צו זיין! און קאָנען מיר עס נישט אויף אַ פעסטערן אופן, — אויף אַ מאָנומענטאַלערן! — איז כאָטש מיט אייגענעם לייב און לעבן!! זאָל עס כאָטש זיין צערמאָניאַל, אין הייליקע פּראָצעסיעס — — —

אפילו אַזאַ ריז אין אונזער ליטעראַטור ווי שלום אַש האָט נאָך נישט פון די פינסטערניש פון אונזער דור אַרויסגעריסן די שטיקער גראַניט, אַז דער וואָרט־קינסטלער זאָל אין זיי מייסלען און אויסהאַקן פאַרמענדיקע געשטאַלטן. און ווי אַ פאַרביטערטע זאַנגערקע, אַ צעווייטאָגטע קלאָגערין, דערשיינט זי אין „וויגליד 1943“ פון משה שולשטיין. נאַטירלעכער שוין, — ווייל פּסיכיש־אַקטועלער מסתמא! — אין „בת־שבע די שוחטקע“ פון שימקע גאָמער. און נאָך פיל פרייער און געלעזט, — ווייל טעאַטראַליש! — ווי אַ סאַלאָמע, אָבער מיט איר אייגענעם קאָפּ אויף דער גאָלדענער טאַץ פון אירע הענט — אין דער „טענצערין“ פון ע. לאופער.

אָבער, ווי באַפרייט און אָן יעטווידער מי, אַלע מענטשלעכע שלייערן לעזן זיך פון איר לייב און אַלע אברים זיינען מיט־באַטייליקט אין דעם לייכטן שפּילן פון אירע גלידער ווען זי נעמט דעקלאַמירן אונזערע קלאַסיקער — זי איז דעמלט אין איר עלעמענט! שבת־קודש קוילעטשן פלעכט זי אויס מיט אירע הענט! ווער נאָך ווי אַ טאַלענטירטע פרוי, וואָס קאָן זיך גאַנץ איבערגעבן צום קינסטלערישן געפאָרמטן וואָרט קאָן געשטאַלטן און פאָרמען מענדעלעס עפּיק, קלאַסישע פּראָזע — זי ברויכט נאָר איר האַרץ־ציטער אַריינצולייגן און דאָס מירמלשטיינערנע וואָרט לעבט און באַוועגט זיך, מיט יעדן פאַלט פון זיין פּנים איז עס צעווינקט צו אונז. —

נישט קיין באַצאָלטע קלאָג־פרוי איז דעמלט די שוישפּילערין, וואָס פאַטשט אירע הענט איבער אַ טויטע תחינה; נישט קיין געדונגענע טענצערין, וואָס צום טאַקט פון די קאַסטאַנעטן שטעלט זי געקינצלט אירע טריט; — פריי ווי אַ קינד אין שול, וואָס פאַרבויגט זיך פאַר איר ליבן פּובליקום, באַווייזנדיק וואונדער איבער וואונדער לייענענדיק פונם בילדער־בוך, מישנדיק בילד נאָך בילד — זיינען די מעשות פון אונזערע קלאַסיקער!

מיר דאַנקען דער אַקטריסע ניוסיאַ גאָלד פאַר דעם מענדעלע־פראַגמענט, פאַר דעם פישקע דער קרומער”־מינוטע וואָס מיט אירע גלידער טאַנצט זי אים אויס אַזוי צויבערדיק געצוימט און פאַר „טעמפּל“ פון שלום עליכם, וואָס קאָכט איבער מיט די געווירצטע שלום עליכם־רייד, ממש דאָס האַרץ צו פערחלשן.

ווי געזאָגט, ווער נאָך ווי אַ פּרוי איז מסוגל עפּיש צו געשטאַלטן די מענלעכע פּראָזע פון אונזערע קלאַסיקער! און דערפאַר, ווי גראַציעז סענטי־מענטאַל די „פּאַווע" פון ביאַליקן איז נישט געווען און ווי שטיפערישע לאַבוסעוואַטע פּעפּערס „זיי געזונד", זיינען זיי ביידע קוים די רעליעפן אין דעם פּרץ מאָנומענט, וואָס שטייגט אויף אַזוי גראַניטן פעסט מיט זיין „כעס פון אַ יידינע". נישט לינקס, נישט רעכטס, — צום הימל רייסט זי זיך מיט איר שרייענדיקער גערעכטיקייט.

פּ.ס. — יאָ, אַזעלכע פיינע ראַפּענירטע שפּילערייען ווי לוצקיס „חתונה" מעגן זיך כשר אַריינפלעכטן אין איר עפּיש געפאָרמטן פּראָגראַם. נאָר צי זי וועט אין קייזערס „פּאַטשיילע" ס'גאַנצע ביסל אָרעמקייט פון לאָנדאָנער שאַפן, קאָנען איינפּאַקן, איז נאָך אַ פראַגע.

## די פּאָעטעסע דאָראַ טייטלבוים פון ניו־יאָרק

אויף איר נסיעה צוריק פון פּוילן קיין אַמעריקע, האָבן מיר דאָ אין לאָנדאָן געהאַט אויף אייניקע שעה, — גראָד אין טאָג פון שליסן דעם נאָוועמבער־נומער פון אונזער זשורנאַל, — די יונגע פּאָעטעסע, די סעקרע־טעראַרין פונם „יידישן פּאָעטן קלוב" אין אַמעריקע, דאָראַ טייטלבוים. ווי אַ רעגנבויגן האָט זיך אַ לייכט אויפגעגעבן אין אונזער לאָנדאָנער נעפּל און פאַרשוואונדן — אָנגעזאַפּט מיט צער, מיט לייבהאַפטיק געזעענעם אין אונזערע שטעט און שטעטלעך, אָבער עפּעס מיט אַזאַ זיכער גלויבן אין זיך, אַ נישט געזעענעם, אָבער דאָך דערפילטן.

יאָ, דאָרע טייטלבוים האָט אַן „אויסגעהאַלטענע ליניע". — און דאָס איז מסתמא דער באַוואוסטער און זיכערער גלויבן אירער! — און דאָס גראַציעזע אין איר, דאָס טוליעדיק־ליכטיקע און וויזיאָנעריש גלויביקע, איז וואָס שפּאַנט זי אַזוי רעגנבויגנדיק־פּריזמעדיק און פּראָבלעמאַטיש רעפל־לעקטאָריש אינם. פאַרבן־שלל פון פיאָלעטן לירישן ביז צום פלאַמיקן הימנען־ליד.

די גייסטרייכע באַריידעוודיקע פּאָר שעה, — על רגל אחת! — מיט דאָרע טייטלבוים וועלן זיכער נישט פאַרקלינגען אין ריטמישן לויף אויף לייכטן פערזן־פוס. אַ פּאָעטעסע, טרעטנדיק דעם קופּידאָ־רעגנבויגן, — ווי געשפּאַנט און צום ציל שיסנדיק! — זיינען עס נישט גיפטיקע פיילן, נאָר שיסנדיקע פייגל, — אַ „קוקאַווקע" איז אויך אַ הימליש־פלאַטערדיקער פויגל! — פון אַן אויפגייענדיקן שלום ברענגנדיקן רעגנבויגן.

וועל איך איבערשניידן דעם דריטן טייל פון מיין לייטאַרטיקל, און אים לאָזן פאַרן צווייטן חודש און אָפּדרוקן אייניקע פון אירע פיינע לידער. איבער איר קאָקעטיש־מוטיקן גרוס: „פּוילן־אַמעריקע" און אויספּירלעכער איבער איר שאַפן, אין אַ קומענדיקן נומער.





## מיין מאַמע

מיין מאַמע אויפן דלות־ים — אַ שטילע זינקענדיקע שיף
געשוואומען און געזונקען מיט יעדן גייענדיקן יאָר.
די בלויע אויגן אין פּנים איינגעגראָבן טיף.
אין אַ שאַל, ווי אַ גנבה באַהאַלטן אירע האָר.

אַ קללה אויפן לעבן געטראָגן אין די אויגן.
אויף די ליפּן — צאַרטע, ניט אַרויסגעזאָגטע רייד.
אייביק האָט אַן עופה'לע איר ברוסט איר ליידיקע געזויגן
און אַ חברה קליינוואַרג אין די פאַלדן פון איר קלייד.

אַזוי איז זי געגאַנגען צו איר אייביקער לויה,
ווי אַ שוואַרצער גייענדיקער ארון
מיט די חובות אויפן קאָפּ, וואָס זי־פלעגט אויף יעדן שבת לייען,
מיט די שאָטנס אויפן פּנים פון אַלע הונגעריקע יאָרן.

מיין מאַמע — אַ הויכער גייענדיקער קלײדער באַרג
מיט אַלטע מאַנטלען, מיט אַלטע הויזן, מיט אַלטע אָפּגעפּוצטע רעק
פון קראָם צו קראָם געשלעפּט זיך אויפן בריסקער מאַרק
און אַ שליסל דאָרט געזוכט צו אַלע הונגעריקע טעג.

ווינטער אין קאַלטע קויטיקע פאַרטאָגן,
ווען ס'איז באַגינען נאָך אויף בערג־בריסטן געשלאָפן,
האָט זי די פּעק שוין אויף די פּלייצעס די צעבויגענע געטראָגן,
און מיט זיי אין מאַרק אַריין אין פינצטערניש געלאָפן.

מיט אַלץ האָט זי געהאַנדלט, פון אַ טאָפּ ביז אַ טעלער,
פון אַ רעטאַנדע ביז צעקרומטע שיך,
פון הויף צו הויף, פון אַ בוידעם ביז אַ קעלער,
איז זי געגאַנגען און די קראָם געשלעפּט אויף זיך.

אַזוי איז געגאַנגען און געטאַשטשעט אירע יאָרן
ווי אויף די פּלייצעס די שווערע פּעק, דעם שווערן יאָך.
אַזוי איז זי געגאַנגען און קינדער גייענדיק געבאָרן
און גאָט געדינט אין טאָג אין לעצטן פון דער וואָך.

יעדן אויפֿדערנאַכט אַהיים געבראַכט אַ קרעכץ,
אַ בינטל שפּענער פֿאַרן גסיסהדיקן אויוון,
אַ פּאָר ביינער פֿאַרן טאָפּ וואַסעריד געקעכץ
און אַ קללה אויף די גבירים וואָס דינגען זיך ביים קויפֿן.

די וועטשערע אין שיסעלעך אין ליימענע צעגאָסן,
און ברכות מיט די ליפּן אָפּגעזאָגט אַ פּאָר.
האָט אַ קינד אַמאָל אין מיטן וועטשערע געגאָסן,
האָט זי קוים אַרויסגעזיפֿצט: „צו לאַנגע יאָר".

מיין מאַמע, מיין בלאָנדע, שוויגנדיקע מאַמע,
מיט עופֿה׳לעך מיט הונגעריקע צעין
פֿלעגט אין באַהעלטעניש די האָר די זוניקע פֿאַרקאַמען,
אַז קיינער זאָל חלילה נישט דערזען.

מיין בלאָנדער מאַמע איז די וועלט געווען פֿרעמד
און געשראָקן האָט דער טאָג זי און די זון.
די הינדעלעך די אייגענע נאָכגעקוקט פֿאַרשעמט
ווי קינדער־קאַטשקעלעך אַ מאַמע הון.

## ווײנט אמאל

ווײנט אַמאָל אַ בוים אינמיטן מאַרק
וואָס שטייט צווישן מיסטן, צווישן קויט
ציט אים ניט צו פֿעלד, צו וואַלד, צו באַרג,
וואו ס׳זינגט די ערד און הימל פֿלויט?

ווײנט אַמאָל אין בלומען־טאָפּ אַ קווייט
און לאָזט אויף שויב אַ שטומע טרער?
ציט זי ניט צו פֿרילינגדיקער פֿרייד
אין פֿרייען פֿעלד אויף מאַמע־ערד?

ווײנט אַמאָל די זון ווען זי פֿאַרגייט
און פֿאַלט אַראָפּ אין טיפֿן טאָל?
ווײנט אַמאָל אַ לאַם שטילערהייד,
ווען מען שערט פֿון איר דעם וואָל?

ווײנט אַמאָל אַ פֿויגל אין אַ שטייג,
וואָס האָט אַ דאַך, אַ היים און קעסט?
ציט אים ניט צו גאַס, צו בלאָט, צו צווייג
און צו אַ בוים מיט פֿרייער נעסט?



ס׳קאָן זיין זיי וויינען, ס׳קאָן זיין אַז ניט.
ס׳האָט קיינער ניט געזען די טרערן רינען,
נאָר טרערן פֿון פּאָעטן, צום שאָפּ, צום פֿינצטערן געשמידט
צאַנקען נאָך אין העלזער פֿון מאַשינען.

עס זיצט אַ פּאָעט אין שאָפּ און היט,
ווי אַ יעדער טאָג ביי אים צערינט.
עס וואַרט אין הויז אויף אים אַ ליד
און ס׳וואַרטן אויף ברויט זיין ווייב און קינד.

ער זעט, ווי ס׳שטאַרבט אין שאָפּ זיין ליד
און שווימט אַוועק אין שטילער טרער,
נאָר קיינער זעט די טרערן ניט,
אַ חוץ די נאָדל און די שער.

## זאלבעפערט

טאָג־איין טאָג־אויס אינדערפֿרי
גייען ביידע — ער און זי,
צוויי פֿאַרפּוצטע אַלטע לייט
מיט הינט צוויי גרויסע ביי דער זייט.

סיי אין זומער, סיי אין ווינטער
טראָגט ער שטענדיק זיין צילינדער,
אַ ראָק פֿון האַריקן געוואַנט
און אַ שטעקן אין זיין האַנט.

זי — אין שוואַרצן אָנגעטאָן
מיט אַ הוט פֿון רויטן מאָן
מיט האַטשן שניי־ווייסע אַ פּאָר
און אַ זיבן צענדליק יאָר.

ביידע גייען זיי שפּאַצירן,
נאָר די הינט דאָס פּאָרל פֿירן,
און די זקנים גייען נאָך
יעדן טאָג אַזוי אין וואָך.

ביידע הויך און אויסגעצערט.
ביידע ציט שוין צו דער ערד.
ביידע ציילן שוין די טריט,
נאָר די הינט זיי לאָזן ניט.

פריילעכע צוויי הינט קודלאַטע,
אויסגעוואַשענע און זאַטע.
אויף יעדנס האַלדז אַ לעדער־באַנד
ווי פערד אין וואָגן איינגעשפּאַנט.

ווען די הינט זיך שטאַרק צעבילן,
טוט ער אויס די שוואַרצע ברילן,
און ער גלעט זיי לאַנג אַזוי,
ביז ס׳פאַרשווינט זייער געוואוי.

טאָג־איין טאָג־אויס אינדערפרי
גייען ביידע — ער און זי
און ריידן קיינמאָל ניט קיין וואָרט —
פאַר הינט די ליבשאַפט אָפּגעשפּאָרט.

## א. מ. קייזער

### „דזשעק דער קאַטער"

(אַ מעשה פון אַ לאָנדאָנער שניידער)

אַ קליינינקער איז ער — אַזוי קליין, אַז ער גייט ערגעץ־וואו אַריין, מוז ער צווײמאָל אַריינגיין, כדי מע זאָל אים דערזען. אַ נאָז איז ביי אים אַזאַ פלאַטשיקע גלייך ווי מע וואָלט איר דורכגעגאַנגען מיט אַ וואַלגערהאָלץ. און אינגאַנצן איז ער אַ בלאַסלעכער, אַ דאַרער, אַ אויסגעטריקנטער, אַ פאַרוויאַנעטער, ווי אַן אתרוג אין פּורים. נאָר אַ באַרעדעוודיקער. האָט אַ פול מויל מיט צונג. רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער און נאָר פון זיך און וועגן זיך.

— הייסן הייס איך — שטעלט ער זיך פאָר — דזשעק קאַטער. איר קוקט מיך אָן און חידושט זיך, ווי קומט צו מיר אַזאַ פאָלנעם ענגלישן נאָמען? וועל איך אייך דערציילן; אין דער היים האָב איך געהייסן „יאַנקל לאַכלאַטעס" נאָר גערופן האָט מען מיך „יאַנקל דער טויטער", ווייל איך בין תמיד געווען אַ ייד אַ חלוש, אַ נוטה למות. דאָס גאַנצע לעבן האָב איך געהאַלטן סמוך למיתה, ממש ביים ערב־שטאַרבן. און היות ווי אַ ייד טאָר נישט זיין אָן אַ ווייב, איז בינו־לבינו, ביז איך כאַפּ אַ שטאַרב, האָב איך דערווייל, ווי איר הערט, דריי ווייבער באַגראָבן. אַז איך בין געקומען קיין לאָנדאָן, האָב איך אין אַ מזל׳דיקער שעה, ווידער חתונה געהאַט — שוין צום פערטן מאָל קיין עין־הרע. דאָ האָב איך זיך גענומען צו מיין אַלטער מלאכה — צו שניידעריי. נישט ביי יענעם חלילה, נאָר געאַרבעט פאַר זיך, געשטשאָבעט מיט דער נאָדל, פאַרראָכטן, פאַרלאַטעוועט, גערייניקט, געפּרעסט און געמאַכט גאָר אַ פיינעם לעבן.

נאָר פון מיין נאָמען, הערט איר, האָב איך געהאַט מער צרות ווי פון מיין



בלינדער שוויגער. איר הערט אַ נאָמען? — ל אָ כ ל אַ ט ע ס! און נאָדיר אַן עסק מיט „האַו ד׳יו ספּעל איט?" ווי לייגט זיך עס אויס? אויף דער עלטער זאָל איך נאָך ביי זיי ווערן אַ טיטשער און זיי לערנען ספּעלן. האָב איך געהערט, אַז יידן מיט שווערע אָנגעזאָטלטע נעמען, ווי מיינער למשל, האַקן זיך אַראָפּ אַן העלפט; הייסט איינער „גרינבאַרג", וואַרפט ער אַוועק דעם „באַרג" און בלייבט „גרין". הייסט ער „שטיינבאָק", שליידערט ער אַוועק דעם „שטיין" און בלייבט „באָק". האָב איך אויך אַזוי באַשטימט צו טון. נאָר וואָס וואַרפט מען פון זיך אַראָפּ און וואָס לאָזט מען זיך איבער? „לאָך" צי „לאַטעס"? ענדלעך האָב איך באַשלאָסן משלח זיין די „לאַטעס" און ויקרא שמו בישראל — ל אָ ך!

איז, זאָלט איר הערן, ווי אונזערע יידעלעך, נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, האָבן מיר פאַרביטערט די יאָרן מיטן נאָמען „לאָך"; אַז ווי עפּעס אַ וואָרט וואָס גראַמט זיך מיט „לאָך", האָט מען צו מיר צוגעטשעפּעט: בראָך, שטאָך, וואָך, קאָך, שליאָך און נאָך און נאָך. קום איך אין שול אַריין, ערשט דער חזן נעמט זיך אויך צו מיין נאָמען און ער צעזינגט זיך: „מי ידמה לך, מי ישוה לך, מי יערוך לך" און „מודים אנחנו לך" און דער עולם שמייכלט, ווינקט זיך איבער מיט די אויגן.

און פון די ענגלענדער, מיינט איר, האָב איך נישט געהאַט קיין צרות? אוי אוי! ווייל די ענגלענדער אונזערע קאָנען דאָך קיין חי"ת נישט אויסרעדן, איז שטעלן זיי מיר קלאָץ־קשיות ווי אַזוי איך רוף זיך: „לאָש" אָדער „לאָק"? זאָל טאַקע זיין, טראַכט איך זיך, „לאָק", אי ס׳איז מער ענגלישער ווי „לאָך", אי איך וועל אינאיינעם פּטור ווערן פון אונזער יידעלעך מיט זייערע גראַמען. נאָר איר קאָנט אייך דען פון די זלידנע פליגן אָפּטשעפּן? באַלד ווי זיי האָבן דערהערט אַז איך הייס „לאָק", האָבן זיי שוין געפונען נייע גראַמען: ראָק, זאָק, קראָק, טראָק, פלאָק, סאָק, טשוואָק, און ווער ווייסט וואָס אַלץ נאָך זיי וואָלטן צוגעטראַכט, ווען איך נעם נישט אויף גיך און בייט איבער דעם גאַנצן נאָמען מיינעם.

איז וואָסאַרע נאָמען גיט מען זיך? טאַקע אַזאַ נאָמען וואָס זאָל פּאַסן צו מיין טרייד, צו מיין געשעפט. אָט נעמט מיין מילכמאַן — הייסט ער „וואָטערמאַן". ביי אים אויף דער טיר איז מיט גרויסע קידוש־לבנה׳דיקע אותיות אָנגעשריבן: „אויב איר ווילט מילך דירעקט פון דער קו — גייט צו וואָטערמאַנען!" איך האָב דאָ אַ לאַנדסמאַן, איז ער אַ שוחט, איז ווי מיינט איר רופט ער זיך? — רעוורענד ק י ל ע ר! און ביי אים אין פענצטער הענגט אַזאַ שילד: „קילס הימסעלף עוורי מאנדי און טהערסדי". האָב איך טאַקע באַשלאָסן זיך אַ נאָמען געבן „טיילער", שניידער, הייסט עס, כמו שנאמר: אַ שניידער בין איך און שניידער הייס איך. איז אָבער „טיילער" שוין געוואָרן אַ וואָכעדיקע שמונה־עשרה, אַ פּראָסטער שלוש־סעודות. אַ ליאַדע־ווער הייסט דאָ „טיילער". וואָס דאַרפט איר מער? אַפילו אַ מוהל הייסט דאָ אויך „טיילער". איך האָב אַליין געזען אין יידישן פּייפּער, וואו אַ מוהל אַדווערטייזט זיך:

„דער פּראַקטישער מוהל רעווערענד טיילער, מ.מ., ספּעשל פאַר גרים". וואָס איז, פרעגט איר „מ.מ." אַ טיטל אַזאַ? איך האָב אויך אַזוי געמיינט, ערשט לאָזט זיך אויס, אַז „מ.מ." מיינט „מוהל מומחה". ביי אונז אין דער היים האָט אַזאַ מין ייד ווי אַ מלמד, אַ שוחט, אַ מוהל, געהאַט אַזאַ נאָמען ווי ס'פּאַסט פאַר זיין כבוד וועגן, ווי למשל, ר' געצל דער קורנאָסער, ר' וועלוול דער פּאַנפּעוואַטער, ר' טודרוס מיט די קעלבערנע אויגן — אַלץ אַזעלכע נעמען וואָס סקערן אָן שיינע יידן. היינט, אַז דער מוהל הייסט דאָ „טיילער", איז ווי אַזוי זאָל איך הייסן? איך, דער היי־קלאַס טיילער, וועמענס סוטל פאַרכאַפּט דאָס אויג — איך בין מיסטער טיילער, און דער פּראַקטישער מוהל, דער ספּעשיעליסט פאַר גרים, איז אויך טיילער. היינט זאָגט אַליין, איז מעג נישט קומען אַ מהומה אויף אַלע טיילערס פון גאַנץ מלכות־ענגלאַנד?

און דאָ איז מיר איינגעפאַלן: „קאַטער"! יאָ, „קאַטער", צושניידער, הייסט עס, איז דאָך אַ גאָלדענער נאָמען. איך וועל איבער מיין געשעפט מאַכן אַזאַ שילד: „דזשעק די קאַטער — קאַטס הימסעלף פאַר ספּעשל קאַסטאַמערס". און זאָל טאַקע די וועלט וויסן, אַז פאַר ספּעציעלע קונים שנייד איך אַליין צו. און כך הוה: אַזוי טאַקע האָב איך געלאָזט אויפשרייבן אויף מיין פענצטער. און אַז אונזערע יידעלעך, ס'זאָל זיך זיי גוט שלוקערצן, האָבן אַ קוק געטון אויף דער־אַ אויפשריפט, האָבן זיי גענומען זוכן אַ גראַם צו „קאַטער", און איך בין ביי זיי געוואָרן אַ מאַטער, אַ גלאַטער, אַ בלאַטער, אַ זאַטער, אַ זאַאיקעוואַטער און אַ קוואַטער. זענען זיי אָבער דערמיט נאָך נישט צופרידן, און זיי נעמען און רופן מיך — נישט „קאַטער", נאָר „קאָטער", און צו „קאָטער" האָבן זיי שוין אַזעלכע גראַמען ווי טאַטער, בלאָטער, בראָט־ער און פּטור. איר שפּילט זיך מיט אונזערע אחינו־בני־ישראַליקלעך? זיי קאָנען דען אימיצן לאָזן לעבן אָן אַ צונעמעניש? נאָר אַז מיר איז וואויל, איז וועמען אַרט עס, וואָס די פאַרשיווע לאַנדסלייט מיינע, די נישט־פאַרגינערס, רופן מיך? פּרנסה, גאָט צו דאַנק, האָב איך נישט פון זיי. חיונה צי איך גאָר פון די גויים, און טאַקע מיטן פולן מויל, ווייל געבענטשט, הערט איר, איז דער גראָשן וואָס איז געשמירט מיט כיילעוו...

הכלל, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? דזשעק דער קאַטער איז אײַבערנאַכט געוואָרן אַ שם־דבר אין לאָנדאָן. מיין שאָפּ געפינט זיך אין וועסטמינסטער, טאַקע ביים פּאַרלאַמענט. איז, ווער מיינט איר, קומט אַהין אַלץ אַריין? — לאָרדן, מיניסטאָרן, עם פּי'ס, די אמתע קאַרפּנקעפּ! ווייל, אַז „דזשעק דער קאַטער" לאָזט אַרויס אַ שטיקל אַרבעט, שפּילט עס. היינט, מיין פּאַרלאַטן, קלינען און פּרעסן האָט זיך גאָר קונה־שם געווען. לאָמיך האָבן די גוטע יאָר וויפיל לאַטעס איך האָב שוין געלייגט אויף דער לייבער־פּאַרטי, איך מיין, אויף די הויזן פון אירע מיניסטאָרן. איר האָט מסתמא געליינט אין פּייפּער, ווי טשערטשיל האָט געפרעגט שינוועלן: צי קאָן אונז דער האָנאָרייבל דזשענטלמען זאָגן ווער ס'פּרעסט זיינע הויזן?" — אַזאַ קנייטש האָב איך אים שינוועלן, געמאַכט.



וואָס, איר חידושט זיך, וואָס שינוועל איז מיינס אַ קאַסטאָמער? צו וועמען דען, מיינט איר, וועט ער גיין, אַז ער דאַרף אַ סוט אָדער אויספּרעסן אַ פּאָר הויזן, אויב נישט צו „דזשעק דעם קאַטער"? ווייל שינוועל, דאַרפט איר וויסן, איז נישט קיין געבוירענער קוילנגרעבער אָדער הונט־שלעגער. ער איז אַ טאַטנס אַ קינד, אַ שניידער בן שניידער, דער אמתר חייט, און ווער, אויב נישט ער, ווייסט וואָס ס'איז אַזוינס אַ גוט שטיקל אַרבעט?

און נישט בלויז שינוועל קומט צו מיר אַריין, נאָר אַפילו אייזיקס דער אַרבעטס־מיניסטער איז ביי מיר אויך אָן אָפטער גאַסט. איך רוף אים „רעב אייזיק", ווייל אַזאַ איינער, מיט אַזאַ יידישע צורה און אַזאַ יידישן נאָמען, קאָן מען נישט אָנרופן סתם „אייזיקס", ס'איז נישט קיין דרך־ארץ, ס'בעט זיך דאָ דער „רעב". איז באַלד ווי ער באַווייזט זיך מיר אין שאָפּ, בין איך אים מקבל־פּנים אויף פּראָסט יידיש: „שלום עליכם, רעב אייזיק!" — און ער שמייכלט, ס'טוט אים קענטיק הנאה, און ער רופט זיך אָן צו מיר: „דזשעק, ביזט אַ קלעווער גאַי'; איך פאַרשטיי צו וועמען דו צילעוועסט זיך מיט דיין אַראַבישן ,סאַלעם אַלייקעם', קערסט אודאי מיינען כ'בין בעווין"...

יאָ, אָט דער בעווין איז דער איינציקער פון די אַלע איצטיקע רעדלפירער, וואָס מיידט מיך אויס. אים זע איך נישט מער ביי מיר אין שאָפּ. פריער, איידער ער איז געוואָרן דאָס וואָס ער איז איצט, איז ער ביי מיר געווען אַ יוצא־ונכנס, אַ גאַנצער שמעלקע, געמאַכט צוזאַמען אַ כוסע, און טאַקע אַ צווייטע און אַ דריטע. ווייל ביי מיר אין שאָפּ קאָנט איר געפינען נישט בלויז אַ ניי־מאַשין און אַ פּרעס־אייזן, נאָר אויך אַ גוט ביסל משקה, מחמת די מלאכה האָט ליב דעם טרונק, און מיין ביזנעס — אודאי און אודאי. און, כטוב לב המלך ביין, אַז מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים כוס רביעי, ביים זעקסטן גלעזל הייסט עס, האָבן מיר זיך גענומען ווינשעווען: „לחיים, מיסטער בעווין! זאָל גאָט געבן, אַז איר זאָלט בקרוב אַרויף אויפן בענקל און יידן זאָלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות!" און ער, בעווין, שוין אַ ביסל מבושמדיק, אַ קאַפּעטשקעלע פאַרקנאַקט, הייסט עס, ענטפערט מיר: „לחיים, דזשעק־ברודער, לחיים! דו קאָנסט דאָך מיר נישט פון היינט, איך בין דאָך נישט פון יענער חברה וואָס האַלט אַז אַ תקיעת־כף איז אַזוי הייליק ווי אַ וואָרט, נאָר אַ וואָרט איז — אַ שפּיי... וויל איך דיר זאָגן בפני כל עם ועדה, טאַקע פאַר דער גאַנצער וועלט, ניין! איך שווער דיר ביים פּלעשל: איך זאָל אַזוי דערלעבן אויסטרינקען דאָס ביסל וואָס איז נאָך פאַרבליבן (גיסט אָן אַ גלעזל) אַז באַלד אויף צומאָרגנס ווי איך נעם איבער די נייע ביזנעס מיינע אין דאונינג סטריט, באַקומסטו דזשעק (גיט אַ שלוקערץ) דאָס וואָס ס'קומט דיר שוין פון לאַנג. זאָל מיין נאָמען נישט הייסן בעווין, אויב דו וועסט ביי מיר נישט ווערן (נאָך אַ שלוקערץ) אויפגעריכט. נישט געדאַגה'ט, דזשעק־ברודער, סעט זיין גוט, סעט זיין!"

און אויף דעם סמך נעמען מיר ווידער צו גלעזלעך, צעקושן זיך האַרציק, פאַרלייגן אַ האַנט אויף אַן אַקסל און צעלאָזן זיך אין אַ ריקודל, טאַקע אין מיטן געשעפט, ווייל וועמען איז נאָך אַזוי גוט ווי מיר.

וואָס איז שפּעטער געשען, ווען בעווין האָט איבערגענומען דאָס געשעפט אין דאונינג סטריט, קאָנט איר שוין לייענען אין חומש, פּרשה מקץ: „און אַז דער שר המשקים איז באַפרייט געוואָרן, איז — וישכחהו, האָט ער אָן „דזשעק דעם קאַטער”, פאַרגעסן!”... איי, וואָלט איך אים איצט וועלן אויספּרעסן די תחתונים און מאַכן דעם אמתן קנייטש. נאָר גיי פּרעס הויזן, אַז ס׳זיינען קיין הויזן נישטאָ; אַ סברא, אַז ער האָט לעצטנס אינגאַנצן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אונזער טראַכט, און גייט כסדר איינגעהילט אין אַן אַראַבישן כאַלאַט...

נאָר אויב איר מיינט, אַז איך בין זשעדנע אין מיניסטאָרן, האָט איר אַ טעות. איז נישט בעווין איז אַ צווייטער און אַ דריטער — נישט קיין קלענערע גדולים פון בעווינען. די טיר ביי „דזשעק דעם קאַטער” מאַכט זיך נישט צו. דערווייל, טו איך זיי זייער רעכט, דערציילן זיי מיר וואָס ס׳וועט זיך מאָרגן טון אין פּאַרלאַמענט, און איך ווייס די נייעס מיט אַ מעת־לעת אויף צו פריער. טיילמאָל באַראַטן זיי זיך מיט מיר, פרעגן מיך אַן עצה. אָט איז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק צו מיר אַריינגעשפּאַנט — ווער מיינט איר? טאַקע ער אַליין, ד אָ ל ט אָ ן, אונזער פינאַנץ־מיניסטער. זאָגט ער צו מיר: „דו ווייסט, דזשעק, ס׳איז מיט אונז נישט פריילעך. ס׳לאָזן זיך ביי אונז אויס די דאָלאַרן און אַמע־ריקע וויל אונז נישט מער באָרגן. כ׳האָב מורא ס׳איז „פּע” און טאַקע וואָס „פּע” הייסט”. און ער קוקט אויף מיר מיט אַזאַ נעבעך־פּנים גלייך ווי איך וואָלט געווען אָנגעפּיקעוועט מיט דאָלאַרן און וויל אים נישט מאַכן קיין גמילות־חסד.

זאָג איך צו אים: „אויף וואָס קוקנדיק זאָל איך אַמעריקע געלט באָרגן? אויף די שיינע הויזן, וואָס סיר סטאַפאָרד קריפּס טראָגט? אַ פּאָר הויזן, וואָס זען אויס ווי צוויי קישקעס אָקערשט פון טשאָלענט אַרויס. אַז מען זוכט קרע־דיט דאַרף מען קודם־כל זיין אָנגעטון ווי אַ דזשענטלמען, מיט אַ קנייטש אין די הויזן, ווייל אַזאַ מענטשן געטרויט מען. אַזאַ איינער וועט דאָך נישט פאַר־כאַפּן קיין פרעמדע געלטער. אַזוי איז עס שוין פון אייביק־אָן. דעם פיין־גע־קליידעטן באָרגט מען. ווועמען דען, אַ קבצן אין טראַנטעס וועט מען באָרגן? אַז אדם הראשון איז אַרומגעגאַנגען אַ נאַקעטער האָט זיך קיינער אויף אים נישט אומגעקוקט, נאָר באַלד ווי ער האָט זיך געמאַכט אַ שיינעם סוט פון פיי־גענבלעטער, ווי ס׳איז דעמאָלט געווען די מאָדע, האָבן אַלע גענומען זיך צו אים צו־שאַרן, אַפילו גאָט אַליין האָט אים אַרומגעזוכט. ׳איכה?׳, האָט ער גערופן, ׳וואו ביסטו ערגעץ, אדם?׳ איר פאַרשטייט, מיסטער דאָלטאָן; פריער איז ער געווען אַ נאַטינג, אַ גאָרנישט, און דערנאָך, אַ דאַנק זיין סמאַרט סוטל, האָט ער באַקומען קרעדיט”.

אַזוי האָב איך מיט אים, מיט דאָלטאָנען, געלערנט די פּרשה פון יענער וואָך — פּרשת־דאָלאַרן, און ער האָט עס גוט אין קאָפּ אַריינגענומען (אַ קאָפּ האָט ער נישט קיין שלעכטן!) ווייל אויף צומאָרגנס — ברוך־הבא, סטאַפאָרד קריפּס איז דאָ! אַ צעקנייטשטער, אַ צעקוועטשטער, גלייך ווי אַ מנין דעפּו־טאַטן זענען אויף אים אין פּאַרלאַמענט געשלאָפן. האָב איך זיך גענומען צו



אים, געאַרבעט און געשוויצט, ביז ער איז פון מיינע הענט אַרויס אַן אויס־געפּרעסטער, אַ שטייפער, אַ בלישטשענדיקער, ממש אַ ברכה צו מאַכן. איר וועט פון מיר לאַכן, אויב איך וועל אייך זאָגן, אַז איך האָב בחוש דערפילט, אַז ענגלאַנד איז איצט געראַטעוועט.

צערעדט ער זיך מיט מיר. ריידן מיר אַזוי לאַנג ביז מיר קומען אַרויף אויף דער כאָלעריע, נישט די כאָלעריע אין מצרים, נאָר בעווינס אויסערלעכע פּאָליטיק. — „ווי האַלסטו, דזשעק, גיט ער מיר אומגעריכט אַ פרעג, ס׳וועט זיין מלחמה צי נישט?” קלער איך נישט קיין סך און ענטפער אים מניה־וביה: „איך קאָן אייך קאַווירן, אַז ס׳וועט קיין מלחמה נישט זיין!” — „מיט וואָס, פרעגט ער, ביסטו עס אַזוי זיכער? — „ווייל, זאָג איך, מיר האָבן איצט שינוועלן פאַר אַ קריגס־מיניסטער!” שטעלט ער אויף מיר אָן אַ פּאָר אויגן, גלייך ווי ער וואָלט פרעגן: ׳ווי קומט אַ פּאַטש צו גוט־שבת?׳ און ער פרעגט טאַקע: „נו, און אַז שינוועל, איז וואָס?” זאָג איך: „די מעשה, הערט איר, איז גאַנץ פּשוט; אַז שינוועל איז געווען קוילן־מיניסטער, האָבן מיר נישט געהאַט קיין קוילן. איצט, אַז ער איז קריגס־מיניסטער, וועלן מיר נישט האָבן קיין מלחמה!” צעלאַכט ער זיך און זאָגט: „הערסט, דזשעק, דו מיט דיין קאָפּ טאָרסט דאָ נישט שטיין און פּרעסן הויזן. דו דאַרפסט זיצן אין פּאַרלאַמענט”.—„אָט כמעט דאָסזעלביקע, ענטפער איך אים, האָב איך געוואָלט זאָגן אייערס אַ קאָלעגע. כ׳האָב אים געוואָלט זאָגן: ׳דו, מיט דיין קאָפּ טאָרסט נישט זיין קיין מיניסטער, דו דאַרפסט שטיין דאָ און פּרעסן הויזן׳. איר פאַר־שטייט, סיר סטאַפאָרד?” אודאי האָט ער פאַרשטאַנען צו וועמען איך האָב זיך געצילעוועט, אַ סימן איז — ער האָט געשוויגן. ווען ער פרעגט מיך, וואָלט איך אים ערשט דערציילט די אמתע מעשה, נאָר אפנים, אַז ער ווייסט אַליין וואָסאַ־רע ביק מיט הערנער ס׳האָט זיך אויף זיין לאָנקע אויסגעפּאַשעט, און דערפאַר האָט ער געמאַכט פּתח־שין — שאַ!

* * *

— און איצט — פאַרענדיקט מיין בעל־דבר — אַז איר ווייסט שוין ווער ס׳איז „דזשעק דער קאַטער”, איז נאָט אייך מיין קאַרד, און אַז איר האָט עפּעס אַ שטיקל אַרבעט, פאַרגעסט נישט און ברענגט עס אַריין צו מיר. „דזשעק דער קאַטער” איז טאַקע ביזי ביז איבער די אויערן, נאָר פאַר אייך, זעט איר, פאַר אַ יידישן שרייבער, אַ ליטעראַט, וועל איך תמיד געפינען צייט. און לאָמיך [illegible] עפּעס זאָגן אויפן אויער. קיינער הערט דאָך נישט; אויב איר [illegible]־יחידקע־טע אויף די הויזן און זיי זענען ביי אייך אַזוי אָפּגעציטעריסט, קומט אַריין צו אַ איין־און־איינציקע פּאָר, הייסט עס, איז [illegible] וועל איך חלילה נישט מיר אין שאָפּ און איך וועל אייך שוין [illegible] אייער רעכט, נאָר איר וועט ביי מיר אָוועקלייגן אויפן וואַרשטיק און [illegible], וואו איר וועט אייך קאָנען זיצן בהרחבה אַריינגיין אין מיין פּראָביר־צי[illegible]ם און דערווייל עפּעס שאַפן. איך וועל אייך אָנ־ אין די אונטערשטע חד[illegible]

גרייטן אַ שטויס פּאַפּיר מיט טינט און פעדער. אפשר וועט איר טאַקע עפּעס אָנשרייבן וועגן „דזשעק דעם קאַטער" און זיינע קאָסטאָמערס. און אַז איר וועט האַלטן ביים שרייבן וועל איך אייך אַ צווייטן מאָל דערציילן עפּעס שיינס ווי אַזוי „דזשעק דער קאַטער" איז איינגעלאַדן געוואָרן צום קעניג אויף אַ רע־סעפּשאָן — שוין איינמאָל אַ מעשה! דערוויילּ, גוד־באַי, לאַנדסמאַן.

---

פאַרענגלישטע ווערטער: טיטשער — לערער. ספּעלן — אויס־לייגן. וואָטערמאַן — וואַסערמאַן. קילער — קוילער. קילס הימסעלף עוורי מאַנדי און טהערסדי — קוילעט זיך יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. פּייפּער — צייטונג. אַדווערטייזט — רעקלאַמירט. ספּעשל — ספּעציעל. היי־קלאַס טיי־לער — ערשט קלאַסיקער שניידער, קאַטס הימסעלף פּאַר ספּעשל קאָסטאָמערס — צעשניידט זיך אַליין פאַר ספּעציעלע קונים. עם פּי'ס — ראשי־תיבות פון פּאַרלאַמענט־מיטגלידער. קלינען — רייניקן. לייבער־פּאַרטי — אַרבעטער־פּאַרטיי. האָנאָרייבל — ערנווירדיקער. קלעווער גאַי — קלוגער חברה־מאַן. שאָפּ — קראָם. ביזנעס — געשעפט. דאונינג סטריט — גאַס וואו ס'געפינט זיך דער קאַבינעט־בנין. סמאַרט סוט — עלעגאַנטער אנצוג. פּיקסן — איינריכ־טן. רעסעפּשאָן — קבלת־פּנים. גוד־באַי — אַ גוטן טאָג. קאַרד — וויזיט קאַרטל. ביזי — באַשעפטיקט.

---

## א. נ. שטענצל

### דער טאַנצנדיקער בער
(האַרבסט באַלאַדע)

דער גרויער הימל לויערט פאַרן פענסטער,
מיט די טעמפּע לאַפּעס אויף טויט צו דערשטיקן,
זיינע פאַרשטעקטע אויגן אין די קודלעס,
ווי טשאַטעוודיק, ווי פינסטער זיי בליקן.

וואָס קאָן מען צוּוואַרפן אַ בייזע חיה,
ווען כיטריש זי לויערט שוין אויף דיר אינגאַנצן?
הייב איך אויף מיינע אויגן, מיינע בלויע,
... דער הימל הייבט אָן ווי אַ בער צו טאַנצן:
אויף די הינט...
פון די אויבערשטע צוויי פיס ער שטעלט זיך,
אין וואַקלדיקן בערן־טאַנץ, ... ־דיקע צויטן,
הענגען איבער די דעכער, איבער די ...ייבן,
...ויטן.



וועל איך אים אַזוי אַ גאַנציצטשיקן ווינטער
אויף אַ לאַנגער קייט אַ טאַנצענדיקן האַלטן,
מיט די טראָפּעלעך בלוי פון לעצטע האַרבסט טעג,
אין מיינע געזאַמלטע בליקן באַהאַלטן.

ווי שטאָלערן אויסגעקאָוועט איך האָב זיי,
אין בלאָ־בלויע רינגען אַרום מיינע אויגן!
איז איינס אין אַנדערן געהאַמערט, געשמידט,
און די לאַנגע קייט איבער זיין האַלדז פאַרצויגן.

פאַר אַלע פענסטער כ'וועל אים אַרומפירן,
און זאָל ער טאַנצן ביז פון די פיס ער וועט פאַלן!
אַז פונם הימל געוואָרן ס'איז אַ בער,
בין איך אַ בערן־טרייבער צו זיין אַ בעלן — — — —

יאָ, האָב איך פון רינגען אַרום די אויגן
די שטאָל־געהעמערטע קייט אויסשמידן קענען,
וועל איך די פייפנדיקע בייטש אויספלעכטן,
פון די בייטש־פאַסן וואָס אין מיין לייב זיי ברענען.

און דאָס פאַרמעט־פייקל, אים צו צו פייקלען,
די קאַלטע ווינטער־זון איך וועל אַראָפּנעמען!
ווי וועט ער דאָס הייבן זיינע שווערע פיס,
ווען מיט דער בייטש זיינע קודלעס כ'וועל צעקעמען:

„און איז נישט בעסער מיטן שוויים פון פנים,
ווי מיט מענטשלעך בלוט מיט האָניק זיך באַלעקן?
מיין ליד, צום געפייקל און בייטשן געקנאַל,
אַ טויטן בער צומאָל צום טאַנץ אויפצווועקן!

האָ, איז נישט בעסער, אפילו פאַר אַ בער,
טאַנצן ביז פון די פיס זיינע ער וועט פאַלן,
איידער לעבנס מיט די לאַפּעס צעטרעטן?
העכער, הילכיקער פון די בייטשן דאָס קנאַלן!

און איז נישט שווערער ווי ווערן צעטראָטן, —
אונטער פיס־געוואַקל אַ שליידער־געקייקל, —
די שווערע בערן־פיס אויסלערנען טאַנצן?
שנעלער, פלינקער, מיינע פינגער אינם פייקל" — — — — — — —

א יאָנגדיקע פיוגע, אַ משוגע,
מיט שניי קאָרזשען אַ באַשאָטענער איינגאַנצן,
אַ ווייסער בער אויף זיינע הינטערשטע פיס,
וועט גאַנצע וועלט אַ קאַראַהאָד דעמלט טאַנצן — — — —

דערנאָך אַ דערשוויצטער, מיט נאַסע צויטן,
די גראָשנדיקע נדבות צוזאַמענצונעמען,
די קאַלטע ווינטער זון — דאָס פאַרמעט־פּייקל,
צווישן די שטייפע לאַפּקעס וועל איך אים קלעמען.

ווי ר׳וועט דאָס וואַקלען פון פענסטער צו פענסטער
און מיט קאָמישן קניקס פאַר יעדן זיך פאַרבויגן;
די זייטן זיך צו האַלטן פאַר געלעכטער,
און פון די לאַך־טרערן — צו ווישן די אויגן.

און וועט ער, מיט זיינע פאַרשטעקטע גראַטשעס,
אינמיטן שלאָף מיך ביטערדיק איבערפאַלן,
וויניקסטנס, וועט אַ גרויער ווינטער הימל,
מיט מיין וואַרעמען בלוט טריפנדיק אויפשטראַלן — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער גרויער הימל לויערט פאַר מיין פענסטער,
אַ שווער טרעטנדיקער ׳בער מיך צו דערשטיקן,
וויל איך טראָפּעלעך בלוי פון לעצטע האַרבסט־טעג,
פלינק נאָך צונויפקלויבן פאַר טרויעריקע בליקן.

און זאָל ער, פונקט ווי פאַרשפּעטיקטע טרויבן,
טריפנדיק צעטראָטן, הערצער צו דערקוויקן, —
מיט זיינע וואַקלדיקע שווערע לאַפּעס,
פאַרשיכורט מיין בליק צעקוועטשן און צעדריקן.

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy   £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street. W.C.1



**משה עובד**

## דער כוח פון גלויבן

(פון דער סעריע איבערלעבענישן)

שוין אַ לאַנגע צייט ווי אויפן עץ־החיים פון מיין זכרון זענען רייף געוואָרן צוויי עפּעלעך, און אויב איך וועל זיי נישט אָפּרייסן און זיי קאָנסערווירן, וועלן זיי אַראָפּפאַלן און ווערן פאַרפוילט אין דער טיפער בלאָטע פון שכחה.

די צוויי עפּעלעך, רבותי, זענען אַ שוועסטער און אַ ברודער, וואָס האָבן געבליט אין לאָנדאָן אַן אוצר מיט יאָרן און שטאַרק באַרייכערט מיינע דערפאַרונגען און אויך אַביסעלע מיינע טאַשן מיט קליינגעלט.

געוועזן זענען זיי פּאָרטוגעזער פון קאַטאָלישן גלויבן און פון אַריסטאָקראַטישן אָפּשטאַם. נאָך דער פּאָרטוגעזישער רעוואָלוציע, אָנפאַנג פון אונזער רעוואָלוציאָנערן יאָרהונדערט, זענען זיי, זייענדיק רעאַליסטן, אַנטלאָפן קיין לאָנדאָן און דאָ אויסגעלעבט זייערע לאַנגע אומפאַרהייראַטע יאָרן אין אַ גרויסן האָטעל.

און איצט, אַז איר ווייסט שוין דאָס אַלץ, מוז מען אייך אַ קליין ביסעלע שילדערן די פיזיאָגנאָמיע און די כאַראַקטעריסטיקעס פון דעם שוועסטער־ברודער, און דער שרייבער פון די שורות מוז עס טאַקע טון ווי אַ „שרייבער“ און נישט, חלילה, ווי אַ זשורנאַליסט!

דער ברודער, וועלכער איז געווען מיט צען יאָר יונגער פון דער שוועסטער, האָט געהאַט אַ טונקעלע הויט, ווי דער בין־השמשות. הויך איז ער געווען אַן ארשין מיט צוויי דריטל. דער שוועסטערס הויט איז געווען נאָך בין־השמשות׳דיקער און איר הויך איז געווען מיט בלויז איין דריטל.

אָט דאָס קליינע אַלטיטשקע שוועסטערל האָט איבער איר ברודער פון געבורט אָן געהערשט און מיט זער שטרענגע הענט, ווי אַ פּאָר בייזע עלטערן. און געציטערט האָט ער פאַר איר נישט נאָר ווייל זי איז תמיד געווען עלטער, נאָר ווייל זי איז געווען שטאַרקער אין גלויבן פון אים; ווייל זי האָט זיך דיסציפּלינירט מיט איר טאָג־טעגלעך און שעה־שעה׳דיק לעבן צו איר גאָט ווי אַ גענעראַל מיט אַן אַרמיי אָפיצירן און סאָלדאָטן צו אַ קייזער.

ער איז אויך געווען גענוג שטאַרק, אָבער זי איז געווען אַ ריז; זי האָט אונטערטעניק געמאַכט אַלע פיזישע געזעצן צו די גייסטיקע; איר גוף האָט געמוזט פונקציאָנירן ווי איר רעליגיעזע זעל האָט דיקטירט.

אַז ער איז אויך נישט געווען אַ מענטש, וואָס לעבט אָן אחריות און אָן חשבון, וועלן אָט די פאַקטן באַווייזן:

ער האָט געפירט זיינע אַלע יאָרן טאָג־ביכער, באַשריבן רעגולער אַלע וויכטיקע זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט מיט אים אין פאַרלויף פון טאָג און באַ־

שריבן האָט ער זיי מיט אַ קאַליגראַפיע, ווי פון אַ קינסטלער.

ער האָט אייביק געהאַט ביי זיך אַ זייגערל, וואָס האָט געהאַלטן צייט, נישט נאָר צו דער מינוט, נאָר צו דער רגע. זיין גאָלדן בליישטיפטל האָט זיך נישט גערירט אָן אַ געטאָקט שפּיצעלע. ער האָט אויך געהאַט אין זיין טייסטערל באַזונדערע דעפּאַרטאַמענטן פאַר פּאַפּיר און פאַר גאָלד, פאַר זילבער און פאַר קופּער, אַסאָרטירט ווי די ראַסן אין זייערע טעריטאָריעס אינם טייסטערל פון רבונו של עולם. און גלויביק ווי ער איז געווען, האָט ער זיך אַפילו אין שענסטן וועטער נישט גערירט אָן אַ שירם...

ווי ווייט רעגולירט געניי און פּעדאַנטיש זיין לעבן איז געווען, וועט דער איינציקער אינצידענט אילוסטרירן:

אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט ער געזען אין אַ שוי־פענצטער פון אַ שיך־געשעפט שטיין אַ פּאָר קאַמאַשן, פּרייז 1 פונט. גייט ער אַריין אין געשעפט און לייגט אַוועק אַ פונט. זאָגט אים דער סוחר:

— ניין, יונגערמאַן, איין פונט איז פאַר איין קאַמאַש.

הייבט ער אויף זיין פונט, גייט אַוועק און פאַרנאָטירט זיך עס אין זיין טאָג־בוך. און עס גייט אַוועק (אָן איין קאַמאַש אַפילו) אַ וועלט מיט יאָרן, דערזעט ער ביי וואָולוואָרטס אין פענצטער זאָקן פאַר זעקס פּענעס. גייט ער אַריין און לייגט אַוועק אַ זילבערן זעקס פּענס. זאָגט מען אים:

— ניין, אַלטיטשקער, איין זאָק קאָסט זעקס פּענס.

הייבט ער אויף דעם זעקס פּענס, פאַרנאָטירט זיך עס אין זיין טאָג־בוך, גייט אַהיים און קוקט נאָך אין זיינע אַלטע טאָג־ביכער און געפינט אויס, אַז דער אינצידענט מיטן זאָק האָט פּאַסירט פונקט צו דער האַר פופציק יאָר נאָך דעם קאַמאַש־אינצידענט.

איר וועט אויסרופן, אַז אָט דאָס הייסט אַ מוסטער פון אַ דיסציפּלינירטן מענטשן, אַזוי לוינט זיך צו לעבן! נישט גלאַט אַזוי, סתם אין דער וועלט אַריין, ווי די ליידאַקעס!

דאָך קומט ער נישט צו זיין שוועסטער אין דיסציפּלין און אין זעלבסטקאָנטראָל.

ער? — ער האָט זיך נאָכגעגעבן דעם בייזן האַלז. געגעסן דריי וואַרעמע מאָלצייטן יעדן טאָג און זיך נאָכגעגעבן די תאוה פון די אויגן און געקוקט אויף שיינע, נאַקעטע, נישט־רעליגיעזע אמאַליעס, סקולפּטורן און מאַלערייען.

ער האָט אַריינגעלאָזט אַ פאַרקילונג אין זיינע ביינער עטלעכע מאָל אין יאָר, און די ביינער האָבן מיטגעשלעפּט זיין רעליגיעזע נשמה אין בעט אַריין, ווייל זי האָט קיין כוח נישט געהאַט אַנטקעגן אַ גאַנצן קערפּער מיט פאַרקילטע ביינער.

אָבער זיין שוועסטער, זי האָט געהאַלטן אירע גלידער אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון איר הויט, און זיי האָבן געמוזט פאָלגן אַלץ, וואָס איר ווילן האָט זיי געבאָטן.



נעמט אַזאַ נאַרישן נפש ווי אַ מאָגן, וואָס יעדער צווייטער מענטש אין ענגלאַנד איז זיין שקלאַף און ליידט פון אים געברענטע צרות. ביי איר אָבער האָט דער מאָגן קנאַפּע דעות געהאַט. ער האָט געמוזט פונקציאָנירן, ווי זי האָט געוואָלט, נישט ווי ער.

צוויי מאָל אַ טאָג האָט זי זיין מויל פאַרשטאָפּט מיט פּערטעלעך קאַלטע הון אָן קאַרטאָפל, אָן גרינצייג און אָן פרוכט. צוויי מאָל אַ טאָג האָט זי איר מאָגן אָנגעזויפּט מיט קאַלט וואַסער און ער האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס איז זיין געהאַלט אין מעת־לעת און מער נישט. און ער האָט געטון זיין אַרבייט ווי אַ געהאָרכזאַמער האָרעפּאַשניק אין אַלטע צייטן.

דאָס זעלבע מיט איר נאָז. טאָמער האָט זיך איר געגלוסט צו לויפן, האָט זי אַראָפּגעקוקט אויף דער נאָז ביז און די נאָז האָט געציטערט אַפילו צו ניסן!

און אירע אויגן זענען אויך נישט געווען קיין פרייע אַגענטן. זי האָט זיי אייביק געהאַלטן ביי די שטראַלן־לייצן, נישט צו קוקן דאָרטן, וואו מען דאַרף נישט. ווען אירע אויגן האָבן פאַרטאָג געוואָלט נאָך שלאָפן, האָט זי אַראָפּגעריסן פון זיי די דעקן. האָבן זיי זיך געמוזט אויפהויבן און גיין מיט איר צו גאָטעסדינסט.

יעדן טאָג, אַלע טעג פון אירע פינף און דרייסיק יאָר אין לאָנדאָן, האָט זי פאַרלאָזט איר האָטעל פינקטלעך זעקס אַזייגער אינדערפרי און געגאַנגען אַ פערטל שעה גאַנג אין דער קירכע אַריין. זי האָט מיט זיך מיטגענומען איר געבעט־בוך און ברעזעלעך פאַר טויבן.

און ווער עס האָט נישט געזען דאָס בילד ווי די קליינע אַלטיטשקע אין שוואַרצן געקליידעט מיט איר גאָלד־געליישטן געבעט־בוך אונטערן אָרעם גייט אין קירכע אַריין און וואַרפט אַ גאַנצן וועג די ווייסע ברעזעלעך צו די ווייסע הונדערטער טויבן, און ווי דער הימל וואַרפט אַראָפּ איבער דער סצענע ברעזעלעך שניי — ווער עס האָט דאָס בילד נישט געזען, דער האָט דעם שרייבערס סימפּאַטיע!

אָט אַזוי האָבן זיי, ווי טייבעלעך, געלעבט אין צוויי שטיבעלעך פון האָטעל; צוויי נעסטן פון גלויבן.

ווען דער מלאך המות איז אין זייערע נעסטן אַריין, איז ער דעם ברודער לייכט בייגעקומען, אים צוגענומען דעם אָטעם ווען ער איז נאָר אָכט און אַכציק יאָר אַלט געווען. אָבער מיט איר האָט ער געהאַט אַ שווערן קאַמף און גאָרנישט געקאָנט אויספירן. ביז זי איז אַלט געוואָרן פיר און ניינציק יאָר און מיטן אייגענעם ווילן געוואָלט אַהין צום קוואַל פונוואַנען זי האָט געשעפּט אירע כחות פון גלויבן.

## אברהם ציקערט

### „צו גלאַריע־ין"

דיינע אויגן,
ליכט אויף בייִנאַכטיקע סטעפּעס
וואָס פילן אָן מיט פרייד
מיט האָפנונג און גלויבן,
האָב איך מיין בליק צו דיר דערהויבן
און פאַרשוויגן —
נישט דערזאָגט,
אַז ס'גייט אויף אין מיר אַ ניי געזאַנג,
ווי יעדן מאָרגן נייער טוי — — —
און אין דיין געשטאַלט
האָב איך געלעזן
מיין אייגן ליד אַזוי:

צעטייל מיין וואָרט ווי ברויט — פון טיר צו טיר,
ווי קערנדלעך פון שוואַרצע ערד געשאָנקען;
וועט עס זיין מיין פונק פון פרייד — פאַר דיר
דערפאַר וואָס דו טראָגסט מיך ביי דיר אין די געדאַנקען.

וועט מיין וואָרט, דורך דיר, אין הערצער אויפגיין
ווי בליק צו זון. — און ס'וועלן ליפּן זיך באַוועגן:
„איך האָב אַ פריינט ערגעץ אין אַ ווייטער היים
און ס'באַגלייט איר בליק מיך אויף די וועגן".

איך שווייג, ווייל שווייגן נאָר פאַרשטייט דיין בליק,
דורך שווייגן וויל איך אין דיין האַרץ דערלאַנגען,
זעסטו נישט, אַז אַלץ אַרום איז פול מיט גליק...
און אין שווייגן שטורעמט ס'האַרץ מיט שאליקע געזאַנגען...

פאַרטייל מיין ליד, פאַרטייל עס! איבער גאַס און שטאָט
איבער פעלדער, דערפער, וועגן, פלוינען,
וועט עס זיין פאַר מיר אַ טרייסט און אַ גענאָד
אַז כ'וועל אַ ווילע כאַטש ביי דיר אין האַרצן וווינען...



## יוסף הלל לעווי

### שמע ישראל!

געשען איז עס — אינעם דערפל ק. אין דער מדינה פראַנקן, וואו דער הויפּט־רויבער יוליוס שטרייכער האָט געקיניקט מיט דער גרעסטער אכזריות.

און ווען עס האָט זיך אים נאָר פאַרוואָלט האָט ער אויסגעזוכט אויף צו קאָנען זיין כעס שטילן אין דעם פאַרפלוכטן אהאסווער, — מיט זיין „פּאָר־נאָגראַפישער ביבל", באַטריגערישן תלמוד, און אין אָנגענאגילטן קריפּל: יע־זוס קריסטוס — דעם פייגן, עלענדיקן יידנקנעכט!...

דאָס איז געווען אין יענער בהלה־צייט — ווען הערשל גרינשפּאַן האָט נקמה גענומען אָן דעם נאַצישן אַמבאַסאַדאָר, פאָן ראַהט, אין פאַריז, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו ציען די טעג — שווערע, ווי אָנגעפּולטע וואָלקן מיט עלעקטריציטעט, וואָס האָבן יעדע רגע נאָר געדראָט אויסצוברעכן מיט אַ ביי־טערן געוויטער...

דאַמאָלט האָבן אינעם קליינעם פרענקישן דערפל ק. אַלע יידן זיך געשראָקן אימת מות, און מיט גרויס פאַראַכטונג געטאַדלט אויף דעם אומפאַראַנטוואָרטלעכן אַטענטעטער, — וואָס האָט שוין סיי ווי סיי דאָס ניט דערטראָגנדיקע רשעות נאָך מער פאַרגרעסערט; מיט זיין געמיינעם אַטענטאָט, וועלכער איז נאָך געווען אַזוי ווי אַ פונק אין דער מיט פּולווער אָנגעפּולטער אַטמאָספערע...

דאָס ביסל צעשראָקענע דאָרפס־יידן, די „סינאַגאָג" און דער יידישער „פרידהאָף", האָבן געפיבערט און עפּעס אַן אומבאַקאַנטן אומגליק דערוואַרט...

ווי אַ פינסטערע שפּין האָט זיך דער 10טער נאָוועמבער, 1938, אינעם יידישן געסל פאַרשטעקט, און אַלעס מיט פיין פאַרשפּינען...

מאַרטין העלמאַנס הייזל, וועלכעס איז נאָך דער נאַצישער איבערקערע־ניש העמאָלירט און פאַר'אבל'ט שטיין געבליבן, — האָט זיך פון דערנידריגונג און צער, נאָך מער כורעים צו דער ערד געבויגן און פאַרבאַהאַלטן...

די 18 יאָריקע העלגא מיט איר אַלטער מוטער בלאַנקא, — האָבן זיך יעדן פרימאָרגן די אויגן אויסגעקוקט אויף דעם בריווטרעגער, וועלכער האָט זיי געדאַרפט ברענגען אַן עפידעוויט פון אַ רייכן אָנקל אויס אַמעריקע.

אָבער אנשטאָט דעם בריווטרעגער מיטן עפידעוויט, האָט זיך באַוויזן אומדערוואַרט דער פאַסטער ברונאָ קאַלטער, וואָס האָט זיך געהיים צו זיי אַריינגעשלייכט.

און ווען דער שלאַנק־בלאָנדער פאַסטאָר מיט די טיף־בלויע אויגן איז בגנבה אַריין אין דעם פאַראיינזאַמטן יידישן הייזל, איז העלגא אָנגעצונדן געוואָרן ווי אַ פלאַם פייער, און פשוט פאַר גרויס רעספּעקט ניט געוואוסט וואו זיך אַהין צו טון...

פאַסטאָר קאַלטער האָט גאָרניט באַמערקט העלגא'ס פאַרשעמטקייט, נאָר מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויף גיך גענומען די טרויעריקע בשורה אָנזאָגן: אַז

עס ציט צו זיי אַ באַנדע מיט פריץ הינצלע בראש. און כדי נקמה צו נעמען פאַר פאַן ראהט׳ס טויט, — האָבן זיי באַשלאָסן די „סינאַגאָג“ צו פאַרברענען.

דערפאַר איז ער געקומען דעם „גנעדיקן“ פריילין דאָס אָנצוזאָגן — כדי זי זאָל דאָס זאָפאָרט מודיע זיין דעם „סינאַגאָגן־דינער“, און זי זאָל קענען אויף גיך מיט איר מוטער אַנטלויפן און זיך ראַטעווען.

און אויב דאָס „גנעדיקע“ פריילין וועט וועלן — קען זי צו יעדער צייט מיט איר ליבער מוטער ביי אים אַ פלאַץ געפינען, אויף זיך דאָרט צו באַהאַלטן, ווייל אויך ער האַסט און פאַראַכט די נאַציס מיט זייערע געמיינע יידן־פאַרפאָלגונגען, פונקט אַזוי ווי די יידן גופא...

ווען פאַסטאָר קאלטער האָט געהאַט די העלמאנס פאַרלאָזן, האָט די איבעראַשטע העלגא ניט לאַנג געטראַכט, נאָר געכאַפּט איר מוטער, זי פעסט אומאַרעמט און געקושט. און בעת איר מוטערס אויגן האָבן זיך מיט טרערן פאַרפולט און אירע ציטערדיקע הענט האָבן איר פנים געגלעט, האָט העלגא געזוכט איר מוטער צו באַרואיקן:

— דו קאָנסט עס דאָך גוט פאַרשטיין מיין טייערע מוטער, אַז איך טאָר איצט קיין רגע ניט פאַרלירן, נאָר לויפן צום „סינאַגאָגן־דינער“, און אים די טרויעריקע בשורה אָנזאָגן...

— מיין איינציק קינד, — האָט די אַלטע בלאנקא זיך אין טרערן געשטיקט און פעסטער אָן איר טאָכטער געקלאַמערט.

— דו זאָלסט נאָר באַוויזן באַלד ווידער צוריק צו קומען, ווייל איך וועל עס לאַנג ניט אויסהאַלטן אָן דיר...

— טאָמער קאָן איך אָבער אַזוי באַלד זיך ניט אומקערן אויף צוריק, זאָלסטו וויסן, מיין ליבע מוטער, אַז איך דאַרף מער צייט האָבן, כדי צו קענען דעם „סינאַגאָגן־דינער“ אויסהעלפן די „טאָראָ“ פאַרבאַהאַלטן...

— מיין איינציק קינד! מיין איינציק קינד! איך בעט דיך, לאָז מיך ניט צו לאַנג אַליין איבער!

העלגא האָט דערפילט אויף איר פנים איר מוטערס וואַרימע טרערן און זיך קוים געקאָנט פון אירע ציטערדיקע הענט באַפרייען.

אַ טיף באַוועגטע איז העלגא צום „סינאַגאָגן־דינער“ געלאָפן כדי אים אויף גיך די ביטערע בשורה אָנזאָגן.

דער שמש, אַן אַלטער צעבראָכענער ייד, — איז פאַרציטערט אויפגעשפרונגען און געוואָרפן צו זיין קראַנקער פרוי, אַז זי זאָל גלייך צום באַנהויף אַנטלויפן און דאָרטן אָפּוואַרטן אויף אים, ביז ער וועט האָבן די ספרי־תורות אַרויסגעראַטעוועט און פאַרשטעקט...

ווען העלגא האָט אים אָבער דערקלערט, אַז דערויף איז שוין מער קיין צייט ניט פאַראַן, איז ער אָפּהענטיק שטיין געבליבן און אָנגעהויבן פאַרצווייפלט ביטער צו וויינען:

— אַלמעכטיקער גאָט אים הימל, וואָס מאַכט מאַן? אַ, וואָס מאַכט מאַן?

— אַנטלויפן! — האָט העלגאַ אַנטשלאָסן און ענערגיש אים געענטפערט,



— אָבער זאָפאָרט, הער „סינאַגאָגן־דינער“! און איך וועל די „טאָראָ“ שוין אַרויסנעמען, זי אין מיין מאַנטל איינהילן און ביים פאַסטאָר קאלטער פאַרשטעקן, איך גלויב אַז ער וועט עס דערלויבן, ווייל ער איז אַן ערלעכער פרומער קריסט...

— גוטעס פריילין, איך האָב מורא אַז דו אַליין וועסט עס ניט קאָנען באַוויזן, דערפאַר וויל איך דיר דערצו פאַרהעלפן, דו וועסט אַ גראָסע, גראָסע מצוה האָבן!

— איך וואָלט עס אייך ניט געראָטן, הער וואָלף, ווייל אַקייגן מענער זענען זיי אַסך דיגאַראזער ווי לגבי פרויען, דערפאַר לאָזט עס בעסער מיך אַליין באַזאָרגן.

— ניין, ניין, פריילין העלגא, — דאָס וועל איך ניט טון, בשום אופן ניט!

— וואָס, איר האָט צו מיר ניט קיין פאַרטרויען, הער וואָלף? — האָט העלגא געפרעגט.

פון פאַרטרויען רעדסטו, — איך האָב צו דיר נאָך מער ווי פאַרטרויען, דו „גאָטגעזעגנעטעס קינד“, אָבער איך טאָר דאָס ניט! אַלס אַ רעליגיעזער ייד טאָר איך אַזאַ הייליקע אויפגאַבע ניט אַליין צו אַ שוואַכער פרוי איבערלאָזן...

— מיר דאַרפן קיין צייט ניט פאַרלירן, הער וואָלף! איז דערפאַר נעמט איר איין טאָראַ און פאַרשטעקט זי, און די אַנדערע וועל איך שוין אַליין.... (דאָ האָט איר דער שמש די רייד איבערגעהאַקט):

— אָבער ניט ביים פאַסטאָרקאלטער זאָלט איר זי פאַרשטעקן, טייערעס פריילין העלגא, נייערט אויף אונדזער „פרידהאָף“, ווייל דאָרטן וועט זי אָמזיכערסטן זיין!...

— איך בין מסכים מיט אייך, הער וואָלף — האָט הערגא געזאָגט — נאָר גייט געשווינד מיט דער תורה און איך וועל תיכף נאָכקומען. דערווייל ווינטש איך אייך פיל, פיל גליק און דערפ55לג!

— דאָס זעלביקע ווינטש איך אויך דיר, דו גאָטגעזעגנעטעס קינד!

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט זיך דער אַלטער שמש ווידער צעוויינט, און איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען האָט ערנאָכאמאָל אָנגעזאָגט זיין קראַנקער פרוי לאורא, אַז זי זאָל גלייך צום באַנהאָף נאָכקומען און ניט וואַרטן ביז ער וועט זיך צוריק אומקערן.

דערהערנדיק איר מאַנס וואַרנענדיקע רייד, האָט די קראַנקע לאורא אין גרויס איילעניש און שרעק איר אָרעם ביסל „האָב און גוטס“ צענויפגעפאַקט, און מיט אַ שטומען העשעצן איר מאַן ברוך נאָכגעקוקט, בענטשנדיק אים מיט אירע בלוינע־בלאָע ליפּן.

ווען דעם שמש׳ס ווייב איז דערנאָך מיט אָנגעשטרענגטע כחות און געשוואָלענע פיס פון הויז אַרויס, האָט זי זיך דערמאָנט אין העלגאַ׳ן און איר נאָכגערופן:

— העלגאַ, העלגאַלע, טייערעס קינד, ווי אַזוי וועסטו עס דען קענען בא־

ווייזן? דער אייביקער זאָל עס דיר צענפאַך פאַרגעלטן, דו טייערע יידישע זעלע!...

ווײנען האָט זי ניט געקאָנט, ווייל די טרערן האָבן איר די קול פאַרשנירט. זי האָט נאָר שטום געהעשעצט און געזיפצט און ווייטער אירע געשוואָלענע פיס מיט גרויס אָנשטרענגונג געשלעפּט.

העלגאַ האָט איר ליב צוגעוואונקען:

— אויף באַלדיקעס ווידערזען, פראו וואָלף, מאַכט אייך נאָר ניט קיין זאָרגן וועגן מיר, איך וועל עס שוין באַווייזן, מיט גאָטס הילף! אדיע, אדיע פראו וואָלף!

ווען העלגאַ איז אַליין אין סינאַגאָג געבליבן איז עפּעס אין איר זיבען אַזוי ווי פון אַ שווערן נעפּל אויפגעטויכט — די ברייט־פּלייציקע מגושמ׳דיקע געשטאַלט פון דעם סטודענט פריץ הינצלע, מיט אַ שטראַמפּ אויף דער לינקער באַק, און מיט די גראָב־פלײשיקע ליפּן, בעת ער איז צו זיי אין שטוב אַריין, — אין יענער אומגליקלעכער נאַכט, ווען היטלער האָט געהאַט די מאַכט איבערגענומען און איר פאָטער אין מיטן שלאָף פון בעט אַרויסגעריסן מיט אַן אויסרייד: אַז אַ פויער וויל אים צוועלף קעלבלעך פאַרקויפן צו צען מאַרק אַ שטיק...

אָבער ער טאָר זיך קיין רגע ניט פאַרזוימען, האָט ער אים געוואָרנט, ווייל אַ גוי קאָן אים נאָך ס׳געשעפט אויסדינגען... און בשעת מעשה האָט זיך פריץ הינצלע אַזוי משונה׳דיק צעלאַכט, אַז די געבליטן זיינען ביי אַלעמען שיער געטאָיעט געוואָרן...

באַלד דערנאָך האָט ער איר נאָך האַלב פאַרשלאָפענעם פאָטער פון בעט אין העמד אַרויסגעריסן, אים געטריבן מיט אַ גומיקניטל אין אַן אויטאָ אַריין, און ערגעץ וואו פאַרנדיק פאַרשלעפּט — פון וועלכן וועג, ער האָט זיך נאָך עד היום ניט אומגעקערט אויף צוריק...

העלגאַ האָט טיף אויפגעציטערט. מיט שוידער איז איר אויך געקומען אויפן זינען יענער מאָמענט, בעת זי איז אַמאָל אין אַ זומער־אָוונט פונעם טורנען אַהיימגעגאַנגען. דעמאָלט, איז ווי אַ ניט־גוטער, פריץ הינצלע פון אונטער אַ בוים אויסגעוואַקסן, ער האָט זי אַ ווילדן כאַפּ געטאָן און אומאַרעמט, געוואָלט איר אַ קוש געבן אין מויל אַריין מיט זיינע גראָבע עקלדיקע ליפּן... נאָר צום גליק, איז עס איר נאָך געלונגען מיט אַ פּאַטש וואָס זי האָט אים דערלאַנגט, זיך פון אים אָפּצוּוועהרן און צו אַנטלויפן... אָבער זיינע פאַרגאָפטע און פון צאָרן אַרויסגעזעצטע אויגן, מיט די פון האָס טריפנדיקע רייד, — זיינען איר ווי אַנגערייצטע שטשעקלע הינט נאָכגעלאָפן... און יעצט זאָל דער דאָזיקער עקלדיקער נפש ווידער מיט אַ גאַנצע באַנדע קומען צו דער סינאַגאָג, פונקט ווי דעמאָלט צו איר טייערן אומפאַרגעסלעכן פאָטער. אַ ניין, דאָס דאַרף ניט, און עס טאָר אים ניט געלינגען!! זי וועט זען צופויער די „טאָראַ" אַרויסראַטעווען, און זיך צו איר טייערע מוטער אומקערן נאָך איידער ער וועט מיט זיין פינסטערע קליקע אָנקומען...



יאָ, זי וועט אַלעס אומעגלעכע פאַר מעגלעך מאַכן, נאָר די „טאָראַ" צו באַשיצן, ווי זי האָט עס דעם צוּבראָכענעם „סינאַגאָגן־דינער" פאַרשפּראָכן. און גאָט וועט איר אוודאי דערצו העלפן!

מיט אַ בלייכן פּנים, צעפינקלטע אויגן און אַ פאַרציטערט האַרץ, האָט העלגאַ הינטער זיך די גרויסע „סינאַגאָגן־טיר" מיט אַ שליסל פאַרשלאָסן, און מיט פיבערדיקע טריט אַרויף אויף די טרעפּ צום ארון הקודש, אויפגעצויגן דאָס פּרוכת, געעפנט די טירלעך, און געוואָלט אַ ספר תורה אַרויסנעמען, פאַרהילן עס אין איר מאַנטעל און זיך דערמיט דורך דער הינטער טיר אַרויסגנבענען...

אָבער אין דעם זעלביקן מאָמענט האָט זי דערהערט אַ געטראַמפּל פון שטיוואַליעס אַדורכגעפלאָכטן מיט אויסגעלאַסענע קולות פון אַ פאַרהעצטן שכורן המון: דאַ איסט עס, יאַ, דאָס פאַרפלוכטע יודענהאוז! דאַ דערינען ווערן אַלע שווינדלערישע פאַרברעכנס געפּלאַנט, נידער מיט די שווינדלער און בעטריגער! נידער מיט דעם יוד!"

און באַלד דערנאָך האָט זי דערהערט אַ ווילד געקלאַפּ אין דער טיר אַריין מיט די קאָלבן פון די ביקסן: „יודע וואָלף באַרוך, זאָפאָרט עפנען! אַז ניט ווערט די טיר צעשמעטערט און די סינאַגאָג פאַרשרפעט!"

ביי העלגאַ׳ן האָט דאָס האַרץ גענומען קלאַפּן וואָס שטאַרקער און געשווינדער, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט פון איר בוזעם אַרויסרייסן: עס האָט איר אָטעם אויסגעפּעלט און אַ קאַלטער שוויס האָט באַדעקט איר שטערן.

פאַר אַ ווייל איז זי צו שוואַך געוואָרן, און מיט וואַקלנדיקע טריט האָט זי זיך געלאָזט צום נויט־אַרויסגאַנג, — געוואָלט זיך ראַטעווען און אַנטלויפן... אָבער באותו הרגע האָט זי דערהערט פריץ הינצלע׳ס בלוטדורשטיקן קול: „קאַמעראַדן, שפּרענגט די טירע!"

אירע הענט האָבן אָנגעהויבן ציטערן, און זי האָט ביי זיך געטראַכט: — אפשר טאָקע די טיר עפענען און בעטן ביי אים „פאַרצייאונג"... אַזוי אַרום וועט קאָנען געראַטעוועט ווערן די „טאָראַ" צוזאַמען מיט איר יונגן לעבן און זי וועט זיך אויך נאָך קאָנען אומקערן אַהיים צו איר טייערער מוטער. ווייל פאַרבאָרגן טיף אין איר האַרצן האָט זי פאָרט נאָך ניט געהאַט אינגאַנצן אויפגעהערט צו גלויבן, אַז איר געליבטער פאָטער לעבט, און ער קאָן זיך נאָך צו זיי אומקערן און זי וועט אים אויך נאָך זען... אָבער צוגלייך זיינען אין איר אויך וואַך געוואָרן טיפע ספקות: טאָמער, אוי טאָמער... נאָר פּלוצים האָט אַן איבערמענטשלעכער שטראָם פון כח אין איר האַרץ אַ כוואַליע געטאָן, — און פון דער כוואַליע איז צו איר אַ מעכטיק קול פון „ניין", דערגאַנגען...

דער דאָזיקער כח האָט אַרויסגעשטראַלט פון איר פאָטערס ערלעכן לעבן, און אַריינגעפּלייצט אין איר ווילן; ניט געלאָזן אים בויגן זיך ווי אַ שטאָל, און זי פּשוט געצוואונגען צו בלייבן פאַר׳עקשנ׳ט...

„איך בין ניט קיין פרומער יודע, מיין קינד, — אַזוי פלעגט איר פאָטער תמיד טענה׳ן צו איר, —הגם מיין „גראָספאָטער" איז געווען אַ ראַבינער. דער־

פאַר בין איך אָבער פאַרבליבן ערלעך, און בשום אופן קיינמאָל ניט קיין ליגן געזאָגט. כאָטש איך בין נאָר אַ פשוטער פי־הענדלער געווען, האָב איך דעם אמת אָפּגעהיט אַפילו אונטער די שווערסטע באַדינגונגען ... אין די הייליקע פייערטאָגע — ראש השנה און יום כפור, האָב איך קיינמאָל ניט געאַרבעט. נאָר זיי תמיד געזעסן אָפּצוהיטן ווי אונדזערע „פראָמע אוראַנען" ... און ווייל איך האָב די הייליקע פייערטאָגע געהאַלטן, — האָבן זיי מיך דערהאַלטן ... איז אַמאָל עפּעס שרעקלעכס איבער מיר געקומען, — קיין געלערנטער יודע בין איך ניט געווען, — האָב איך געבעטעט: „יתגדל ויתקדש שמה רבא, אָ, אייביקער גאָט, באַהיט מיך! בין איך אַמאָל פאַרצווייפלט געוואָרן האָב איך געזאָגט: „כל נדרי", אַלמעכטיקער גאָט פאַרגיב מיר די זינד און רעטע מיך!... און איז ווען אַ געפאַר איבער מיר געהאַנגען האָב איך גערופן: שמע ישראל! גאָט פון מיינע אבות, דערבאַרעם זיך איבער מיר ... ווייל די פאָר הייליקע ווערטער זיינען די נשמה פון אונדזער אייביק געדולדיקן, גרויסן גאָט ... און ווען מען רופט זיי פון טיפן האַרצן אויס, — ניט קיין אונטערשייד וועלכער יודע — מוז די געטלעכע זעלע אויפציטערן" ...

.... און העלגאַ האָט זיך אויך דערמאָנט ווי איר טייערער פאָטער פלעגט תמיד פאַר איר בעטל שטיין, ווען זי איז אַמאָל געפערלעך קראַנק געווען און גערופן, געוויינט און געבעטן: „שמע ישראל! ש־מ־ע ישראל!... אייביקער גאָט דערהער מיך!"

יאָ, די פאָר הייליקע ווערטער, וואָס האָבן זיך געהאַט אין אירע געבליטן און געביין אויף אייביק איינגעקריצט, איינגעבערענט, זיינען איצט אין איר האַרצן נאָך מער אויפגעפלאַקערט געוואָרן און פון איר אַרויסגעשטראַלט און זי באַלויכטן ...

עס איז ביי איר פאַרבליבן אַז פאַרלאָזן די „טאָראַ" — הייסט אָפּלייקענען און אַנטלויפן פונעם אייגענעם שטאַם, און דאָס טאָר קיינמאָל ניט געשען! עס מעג פּאַסירן וואָס עס וויל; זי וועט איר הבטחה וואָס זי האָט דעם אַלטן „סינאַגאָגן־דינער" געגעבן ניט ברעכן און די הייליקע „טאָראַ" ניט פאַראַטן, ניין, ניין!

און מיט די דאָזיקע געדאַנקן איז זי צוריק אַרויפגעגאַנגען אויף די ארון־קודש־טרעפּ, און דאָרטן, אַזוי ווי אַ פאַרגליווערטע מויער, שטיין געבליבן ...

זי איז כמעט ווי זיכער געווען ביי זיך, אַז ווען פריץ הינצלע וועט זי דערזען וועט ער פאָרט זיין פינסטערן פּלאַן ניט קאָנען אויספירן, זי וועט בשום אופן ניט אָפּטרעטן, און זי — וועט ער דאָך ניט קאָנען אונטערצינדן; און אַרויסטרייבן וועט זי זיך בשום אופן אויך פון קיינעם ניט לאָזן. ניין, ניין! און אַזוי אַרום וועט די סינאַגאָג און די הייליקע „טאָראַ" מיט איר אייגענעם לעבן געראַטעוועט ווערן ...

---

(שלוס אין נעכסטן נומער „לשון און לעבן")



ס. פּאַלמע

## גלאַקן אין מדבר (אַלעגאָריע)

אַ מדבר אַ ברייטער,
אין ווייט אויסגעשפּרייטער,
אַ וויזיע שפּינט אויס זיך אַצינד:
קיין מענטשן, קיין הייזער,
אַ ווינט בלויז אַ בייזער,
וואָס יאָגט אָן אַ רייטנדיק קינד:

אויף ווייס פערד צעפּלאָשעט,
מיט קאַסע וואָס קאַשעט,
וואָס רייסט זיך און שניידט דורך די לופט
און וואָלקנס פון שטויבן,
אַלץ העכער זיך הויבן
און ס'רייטנדע קינד וואָס סע רופט:

„העי, וואו זייט איר שאַקאַלן,
אַ מענטש איז געפאַלן,
דער לעצטער אָט דאָרט אויפן וועג, —
היינט איז דאָך בראשית,
און אַלץ דאָ וואָס פלייש־איז,
מוז שטאַרבן אין לעצטן געיעג....!"

„מיין נאָמען איז — מאָרגן,
אָן פחד, אָן זאָרגן,
כ'באַגלייט דיר אַוואו־נאָר דו גייסט:
זאָל מדבר ניט שווייגן,
זאָל שטורעם הויך שטייגן, —
אַל־הערשער, וואָס ווייסט ער, וואָס ווייסט...?"

און פלוצים, וואו, גלאָקן,
צעקלינגען און וועקן
און קלאַנגען זיך מישן מיט ווינט
און אַלץ וואָס פאַרשמאַכט־איז,
פאַרשלאָסן, פאַרמאַכט־איז,
נעמט פאָלגן דעם רוף פון'ם קינד:

וואָס רייט אין דער וויסטע
פון קיסטע צו קיסטע,
מיט שופר וואָס האַלט אין איין שאַלן
און גייסטער זיך הויבן
מיט וואָלקנס פון שטויבן, —
ס'זיין העלדן וואָס זיינען געפאַלן:

ס'אַן עדה צוזאַמען
אין רויכן און פלאַמען,
ביים ראַנד פונ'ם הימל מען זעט
און ס'קומט זיי אַנטקעגן
פון אַלע פיר וועגן,
פראָצעסיעס מיט שטילן געבעט.

„ווער איז עס די עדה,
פון וועלכער עקידה,
די לעצטע איז נעכטן געווען??!
ס'זאָל קיינער פאַרבאָרגן
ניט שענדן דעם מאָרגן, —
דאָס אַלץ איז שוין נעכטן געשען!"

דאָס איז עס די שטימע
פון קינד אויף אַ בימה,
אין מיטן דעם מדבר וואָס שטייט:
דערנעבן אַ דאָרן,
אַזוי זיך פאַרלאָרן,
די עדה, צו אים צו, זי גייט:

געקליידט אין טראַנטעס,
דער דלות באַקאַנט־איז,
פון קדושים, די קרובים און פריינט:
אַ פרייד צו געניסן,
זיי קומען באַגריסן
דעם קינד פונ'ם מאָרגן וואָס שיינט!

און גלאָקן אַלץ קלינגען
אין מדבר, און ס'זינגען
די כאָרן און הערן ניט אויף:
די פלאַמען און רויכן,
זיך ציען אין הויכן,
די הימלען דאָרט אויבן אַרויף:



אַ ראַשן, אַ טומלען,
ס'עפענען זיך הימלען,
אויך אויבן איז עפּעס געשען:
מלאכים זיך וויגן
צום ערדישן ניגון, —
זיי האָבן בראשית דערזען!

און פלוצים אוראַגאַנען ,
דו ווייסט ניט פון וואַנען,
פאַרשטויבן דעם כאָרן־געזאַנג:
אַן אָנזאָג דערפילט זיך,
דער מדבר צושפילט־זיך
און שטאַרקער ווערט גלאָקן־געקלאַנג.

באַלד קומען פון ווייטן
אויף פערד אָנצורייטן,
שטאַפּעטן אין ווייסן געקליידט:
מיט טויזנטער זונען,
מיט שופרות און פאָנען,
מיט פרייהייט און פריידן באַגלייט!

און טויזנט לשונות
אָנזאָגן אַז שוין־איז,
צוקונפט־שטאַט איז אָפן — ווי ברייט!
פון אַלע פיר עקן,
אָן גרעניץ, אָן שרעקן,
הין שטראָמט ער, דער ניי־איד מיט פרייד!

מיט קראַנצן און בלומען,
ווי כוואַליעס זיי שטראָמען,
מיט פאָנען און פלאַקערס, — אַ פראַכט!
און חושך צוצינדט זיך,
דער דאָרן צוגרינט זיך,
אויך פּחד האַלט מער ניט די נאַכט!

דו ווייסט ניט פון וואַנען,
זיי שפּאַנען און שפּאַנען, —
קיין ציון און ס'קינד אין פאָרויס:
ס'איז ניי־איד דערהויבן
דורך פרייהייט און גלויבן, —
פון אָפּגרונט, אָט וואַקסט ער אַרויס!

## לעא קעניג

# „דער סנאָביזם פון די אָרימע“

אין זשאַן פּאָל סאַרטרס עסיי וועגן אַנטיסעמיטיזם איז דאָ איינע אַ באַזונדער אינטערעסאַנטע און פּסיכאָלאָגיש ריכטיקע אָבסערוואַציע, אויף וועלכער עס לוינט זיך אָפּשטעלן:

„אַנטיסעמיטיזם — זאָגט ער — איז דער סנאָביזם פון די אָרימע“.

מיר דאַכט זיך אַז דאָס איז פּונקט אַזוי אמת און פּסיכאָלאָגיש ריכטיק ווי דאָס באַרימטע וואָרט בעבעלס אַן וועלכן סאַרטרס באַאָבאַכטונג דערמאָנט, און דערגאַנצט אויך אפשר. „אַנטיסעמיטיזם, — האָט בעבעל געזאָגט, — איז דער סאָציאַליזם פון נאַראָנים“ — אַז דאָס וואָרט פונם באַרימטן דייטשן סאָציאַל דעמאָקראַט, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט ביי אַנ׳ערך אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק איז סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיש ריכטיק, האָבן מיר לײדער אויסגעפונען פון אונזערע ביטערע דערפאַרונגען:

די גרויסע ניט אַנטוויקעלטע און ניט דענקענדיקע מאַסן — באַזונדער די נידעריקערע מיטעלע קלאַסן — ווערן גאַנצע סאָציאַליסטן ווען זיי דערזען אָדער דערהערן פון רייכע יידן. אַז די רייכע יידן וואָס ער זעט אָדער פון וועלכע ער הערט זיינען נור אַ קליינער טייל און אַ פּראָדוקט פון אַ סיסטעמע, זעט ער ניט און קלערט ניט; ס׳איז פאַר אים גענוג דער פאַקט אַז עס זיינען פאַראַן יידן וואָס זיינען רייכער פאַר אים, און ער זעט שוין ניט דעם וואַלד צוליב די פאַר בוימער וואָס שטייען אים פאַר די אויגן און אויף וועלכע מען האַלט אין איין טייטלן ער זאָל זיי זען.

דער מיטל מאַן וועלכער איז געוואוינט אַרויפצוקוקן מיט יראת הכבוד און געוואַלדיקן דרך ארץ צו די „אייגענע“ העכערע קלאַסן, פּריצים און מיליאָנערן ווי אויף נאַטירלעכע, כמעט ווי פון גאָט אויסדערווײלטע אינסטיטוציעס און וועזנס, ניט קוקנדיק וואָס ער און זיינע עלטערן האָבן דורות לאַנג פון זיי געליטן, ווערט אַ גאַנצער סאָציאַליסט, אַ מענטש מיט אַ סאָציאַלן געוויסן, הייסט עס, ווען ער דערזעט אָדער דערהערט פון אַ „פרעמדן“ ניט אייגענעם פּריץ, און ער הויבט ניט אָן איינזען און פאַרשטיין אַז זיין לאַגע וועט גאָרניט בעסער ווערן, ווען די פאַר „פרעמדע פּריצים“ וועלן פאַרלאָזן „זיין“ לאַנד וואו זיינע עלטערן האָבן פאַר הונדערטער יאָרן מיט די „אייגענע“ בעלי בתים געדאַרפט קעמפן פאַר די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע רעכט. אָבער אַזוי איז שוין, ווייזט אויס, די טבע פון אַ מענטשן וואָס דענקט ניט און קלערט ניט און לעבט מיט זיינע מאָמענטאַלע אימפּולסן און אינסטינקטן: ער וועט בעסער געשמיסן ווערן פון הונדערטער אייגענע ריטער, ווי פון איין פרעמדן — ס׳איז דאָך עפּעס „אייגענע“ פאַר וועלכע זיינע אור אור עלטערן האָבן שוין געציטערט... און ער וויל ניט און קען ניט איינזען, אַז די פאַר פרעמדע וואָלטן ניט געווען ווען ניט די הונדערטער אייגענע...



און אַט דעם „סאָציאַליזם פון נאַראָנים“ וועלכער ווערט מיט אַזאַ דערפאָלג געפּרעדיקט פון די פאַשיסטישע פּלאַטפאָרמעס, ווייסן געוויסע פאַראינטערעסירטע סאָציאַלע שיכטן און קליקעס וואָס ווילן ראַטעווען זייער מאַכט און אין איין וועגס פּטור ווערן פון אַ פּאָר קלוגע קאָנקורענטן, ווי אויסצונוצן.. ניט קוקנדיק דערויף וואָס דער עקספּערימענט מיטן „סאָציאַליזם פאַר נאַראָנים“ אין דייטשלאַנד, איטאַליע, יאַפּאַן און אַנדערע לענדער האָט אונז דערפירט צו דער צווייטער וועלט מלחמה, וואָס פון אירע חורבנות וועלן אַלע פעלקער־זיגער און באַזיגטע — נאָך ניט אַזוי גיך געהיילט ווערן.

---

אָבער ווי געזאָגט איז די אויבן ציטירטע אָבזערוואַציע פון דעם מאָדישן אָבער זייער פעאיקן פראַנצויזישן שריפטשטעלער סאַרטר ניט ווייניקער אמת און אפשר אַ דערגאַנצונג פון אויגוסט בעבעלס באַרימט וואָרט:

אַנטיסעמיטיזם איז ניט נור דער סאָציאַליזם פון נאַראָנים, נור אויך דער סנאָביזם פון אָרימע:

צוליב דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע און דעם זשאַנגל פּאַטריאָטיזם, וועלכע זיינען אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר אַזוי קרימינעל דעמאַגאָגיש פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע לענדער איז דער אָרימער בירגער, דער אָרימער מענטש פול געוואָרן מיט אַזאַ קרענקלעך איבערגעטריבענעם באַוואוסטזיין אַז ער פאַרמאָגט אויך עפּעס אַזוינס וואָס אַנדערע פאַרמאָגן ניט, אַז ער איז אויך אַ אייגנטימער, אַ בעל הבית.

פון דור דורות איז דאָס געפיל פון אייגנטום ביי אים געווען כמעט איינגאַנצן אַטראָפירט: ער האָט געוואוסט און געפילט אַז דאָס שטיקל ערד אויף וועלכן ער און זיינע עלטערן זיינען געבוירן געוואָרן איז ניט זיינס, אַז דאָס געהערט צו זיין פּריץ, און ער און זיינע קינדער וועלן מוזן דערויף שווער אַרבעטן, פאַרשוואַרצט ווערן זיי זאָלן זיך ווי עס עס איז קענען אויפהאַלטן ביים לעבן...

ס׳איז אמת אַז ער האָט ליב געהאַט דאָס שטיקל ערד אויף וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן און דאָס שטיק הימל איבער זיין קאָפּ — ער האָט ליב געהאַט יעדן הויפן ערד, יעדעס גרעזעלע און יעדן וואָלקן אַפילו און אפשר מער ווי דער פּריץ צו וועלכן די ערד האָט געהערט און פאַר וועמען ער האָט געאַרבעט...

ס׳איז אפשר אויך אמת אַז ס׳איז שטענדיק ביי אים געווען אַ געפיל פון אָרגאַנישער פאַרבונדנקייט און זיכערקייט מיט זיין שטיקל געבורט ערד, עפּעס ווי ער וואָלט טיף און אינסטינקטיוו געפילט אַז דאָס איז זיינס אין דער אמת׳ן און אַז ס׳וועט נאָך אַמאָל צו אים, דעם רעכטלעכן און נאַטירלעכן אייגנטימער, זיך נאָך אומקערן, כאָטש ער האָט געזען ווי זיינע קינדער מוזן פאַרלאָזן דאָס שטיקל ערד, אַוועקגיין אין שטאָט, אָדער נאָך עמיגרירן עבר לים וואו זיי וועלן אפשר גרינגער געפינען זייער חיונה...״ אָבער בכלל האָט ער געפילט אַז זיין געבורט שטאָט אָדער לאַנד באַלאַנגט צו די פּריצים און בעל הבתים און ער

מוז אַרבעטן אין שווייס פון זיין געזיכט צו קענען עסן זיין ברויט. און אַז עס זיינען דאָ נאָך מענטשן וואָס זיינען אָרימער פון אים און אויף וועלכע ער קען אַראָפּקוקן האָט ער אוודאי ניט געוואוסט. ערשט אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר איז ער פול געוואָרן מיטן באַוואוסטזיין אַז ער, דער פויער אָדער דער שטאָטיקער אָרימער בירגער, פאַרמאָגט אויך עפּעס וואָס אַנדערע פאַרמאָגן ניט — און דאָס איז זיין לאַנד, זיין פּאַטריאָטיזם... און אַז ער האָט אויך אויף וועמען אַראָפּצוקוקן.

ער האָט שטענדיק געלעבט מיט דעם באַוואוסטזיין אַז שטאָלצע אייגנטימער זיינען אַנדערע, די העכערע קלאַסן און שיכטן, און ווי פּלוצלינג — אַדאַנק דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע — האָט ער אַנטדעקט אַז ס'זיינען דאָ אַנדערע — פרעמדער און באַזונדער יידן — וואָס האָבן ניט וואָס ער פאַרמאָגט, וואָס זיינען נאָך אָרימער פון אים...

און דאָס אימפּאָנירט אַזוי זיין דערשלאָגענער מענשלעכער ווירדע: עס זיינען דאָ מענטשן וואָס זיינען אָרימער פון אים, אויף וועלכע ער קאָן אַראָפּקוקן... ענדלעך איז ער אַ מענטש מיט אַ אייגנטום, און מען האָט אים אָנגעוויזן אָן מענטשן — דעם ייד — (צו ער איז אַ איינשטיין, אַ מיליאָנער, אַ שניידער איז קיין חלוק ניט) — אויף וועלכע ער, דער אייביק געסנאָבטער, קאָן אַראָבקוקן...

אויב ניט יעדער מענטש איז אַ סנאָב, ווייל אָבער מסתמא יעדער מענטש האָבן עפּעס אַזוינס צוליב וועלכן ער זאָל קענען זיין סנאָביש, אַפילו ווען ער וועט באַווייזן ווי לייטיש זשענטעלמעניש אָדער קריסטלעך ער איז און וועט עס ניט זיין...

פון דור דורות האָט ער, דער אָרימער מענטש אָן אייגנטום אָן בילדונג און באַזונדערע רעכט געוואוסט אַז ער איז אַ ציל־ברעט פון סנאָביזם, אונטערדריקונג און רחמנות, אַז ער דאַרף זיך פאַר יעדן בויגן און צו יעדן אונטערטעניק שמייכלען; און פּלוצלינג האָט ער דערפילט אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס זיינען אָרימער פון אים און ער קען אויך עמיצן סנאבן, אויף עמיצן אַראָפּקוקן...

אמת זיין עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך כמעט גאָרניט געביטן — אַדאַנק אָט דער פּלוצימדיקע סופּעריאָריטי — אָבער ער האָט אָנגעהויבן זען אויף זיין גאַס, אין זיין שטעטל אַזעלכע פרעמדע מענטשן, געגן וועלכע ער קאָן זיך באַרימען און זאָגן אַז זיינע אור אור עלטערן האָבן שוין געליטן און געשטאָרבן פון הונגער אויף זיין גאַס...

און פון אַ געפיל פון סופּעריאָריטי, ווי אילוזאָריש עס זאָל ניט זיין און אַפילו ווען עס שטאַמט פון טיפסטער דערשלאָגענקייט — ווייל זיך ווייזט אויס קיינער ניט שיידן...

און ווען ס'קומט נאָך אַ ווילדע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע וואָס נוצט אויס אָט דעם פּאַטעטישן סנאָביזם פון די אָרימע מיט די געשרייען: זיי, די פרעמדע, ווילן צונעמען דיין לעצטע אילוזיע פון ווירדע און אייגנטום... און



ווען ס'קומען די פאַראינטערעסירטע שיכטן, וואָס ווילן אויסנוצן דעם סנאָביזם פון אָרימע, באַווייזנדיק זיי דערמיט אַז זיי זיינען רייך און האָבן קיינעם ניט מקנא צו זיין, און אַז די פרעמדע זיינען שולדיק אין אַלע צרות, קען מען שוין פאַרשטיין פאַר וואָס „דער סאָציאַליזם פון די נאַראָנים און סנאָביזם פון אָרימע" איז אַזוי דערפאָלגרייך — און קען ווערן אַזוי טראַגיש פאַטאַל ניט נור פאַר אונז יידן — די הויפּט קרבנות — נור פאַר אַלע פעלקער און לענדער.

## נחום שטענצעל

### קרובהשאַפט און געטריישאַפט

(בנוגע דעם יידישן פּראָבלעם פון 2־פאַכער לאָיאַליטעט)

ווי שטאַרק עס זאָל נישט זיין דער כח פונם אינטעלעקט און מענטשלעכער אינטעליגענץ, ווערט ער בטול ומבוטל כעפרא דארעא אקייגן דער עלעמענטאַרער מאַכט פון אַ נאַטור־געזעץ.

בשעת אינטעלעקט און אינטעליגענץ זענען אַ פּראָדוקט פון אַרבייט און מי פון דורות, אַרבייט די נאַטור, ביי דער חיה ווי ביים מענטשן, אינם סאַמע בלוט וואָס פליסט אין די אָדערן, מיט אור־כחות פון אור־דורות.

געטריישאַפט, אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון קרובהשאַפט, נאָנטקייט פון איין מענטש צום צווייטן, צו זיין סביבה, צו זיין פאָלק, איז אַזאַ נאַטור־געזעץ. און דאָ מיין איך טאַקע אמתדיקע קרובהשאַפט — גייסטיקע און פיזישע — עס קען אַ לייבליכער קרוב זיין העט־ווייט איינער פונם אַנדערן, פונקט אַזוי ווי עס קען אַן אבר־המדולדל פון אַ פאָלק זיין זער דערווייטערט פון זיין שטאַם.

ווי גרויס און שטאַרק עס איז דער כח פון געטריישאַפט פון אַ יחיד צום צווייטן, אָדער צו זיין שטאַם, קען מען נאָר אָפּשאַצן בשעת אַ סכנה; נאָר דעמאָלט, ווען עס קומט צו אַ נסיון, ווען מ'קען פאַר געטריישאַפט באַצאָלן מיטן אייגענעם לעבן, דערגייט מען ערשט, אַפילו ביי זיך זעלבסט, ווי ווייט די געטריישאַפט און קרובהשאַפט איז די גאַנצע צייט געווען.

* * *

ביים גלות־ייד — לעת־עתה דרייט ער זיך נאָך אַרום אַפילו אין ארץ־ישראל — האָט שוין דער בלויזער קלאַנג פונם וואָרט געטריישאַפט, אָדער פונם בעסער־קלינגענדיקן וואָרט לאָיאַליטעט, אַ ספּעציעלן אָפּקלאַנג, אַ אָנגעווייטיקטן.

האָבן דאָך אונז, אַפילו אונזערע פריינט, תמיד געמאַכט דעם ביטערן פאָרוואורף, מאַנכעסמאָל בלויז מיט אַ שטילן בליק, וואָס האָט אפשר נאָך מער וויי געטון, אַז מיר זענען געשאָלטן מיט דער קללה פון אַ צעריסענער לאָיאַליטעט, אין יעדן לאַנד וואו מיר וואוינען; מיט וואָס פאַר אַ געמישטע געפילן פלעגן מיר מאַנכעסמאָל זיך צוהערן צום „הנותן תשועה" פון אַ מושל אָדער

ממשלה, פון וועלכער מיר האָבן אויסגעשטאַנען כל־ערליי רדיפות און גזירות רעות, הגם די מערב־אייראָפּעאישע יידן פלעגן אַמאָל זיין אין אַ גליקלעכערע לאַגע אין דעם פּרט.

פון אונזער מאַכטלאָזיקייט און עקזיסטענץ־נויט איז אַרויסגעוואָקסן דער „הוה מתפלל בשלמה של מלכות“ — אַפילו פון אַ מלכות־הרשעה — און דער „דינא דמלכותא דינא“, ווייל מיר האָבן דאָך שוין טויזנטער יאָרן נישט מער געוואוסט וואָס עס הייסט אַן אייגן מלכות אָדער מדינה.

* * *

צום ערשטן מאָל, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, וועלן מיר מסתמא באַלד שטיין פּנים אל פּנים מיטן שאַרפשניידנדיקן פּראָבלעם פון יידיש־נאַציאָנאַלער לאָיאַליטעט, וואָס קען ברענגען דעם גלות־ייד צו אַ נסיון דורך לענדער וואָס וועלן פון אונז פאַרלאַנגען אַ קלאָרן ענטפער אויף דער פראַגע: „הלנו או לצרנו“.

דעם נסיון פון רעליגיעזער געטריישאַפט האָבן מיר ביזן היינטיקן טאָג באַשטאַנען; די גרויסע פראַגע איז איצט: צו וועט דאָס יידישע פאָלק, בכל מקום שהם, אויך באַשטיין דעם נסיון פון יידיש־נאַציאָנאַלער לאָיאַליטעט.

מיט גיכע שריט דערנענטערט זיך דער טאָג ווען יעדער איינער פון אונז וועט זיך מוזן צוהאָרכן צום קול פון זיין בלוט און געוואויר ווערן, אויף וויווייט עס איז זיין קרובהשאַפט צום יידישן פאָלק, אינם נאַציאָנאַלן זין, און דערמיט אויך זיין לאָיאַליטעט, אַזאַ ענטשיידונג וועט מען פון אונז, בלי ספק, אין אַ סך לענדער, פאַרלאַנגען, ווען אַ יידישע מדינה וועט ווערן אַ רעאַליטעט.

* * *

דער שווערסטער נסיון וועט עס זיין פאַר די ספרדישע יידן וועלכע וואוינען אין די אַראַבישע לענדער; פאַר זיי וועט דער רוף: „הלנו או לצרנו“ אַוועקגעשטעלט ווערן נאַקעט און ברוטאַל — און זיי וועלן האָבן די ברירה צווישן נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד אָדער קידוש השם. עס קען זאָגאַר קומען צו דער מעגלעכקייט אַז מען זאָל פאַרלאַנגען פונם אַראַבישן ייד ער זאָל גיין אין מלחמה קעגן זיין ארץ ישראל׳דיקן ברודער. און דאָ קען ווידער אַמאָל דערשיינען דער מאָדערנער טיפּ פון יידישע אנוסים — מיט אַ נאַציאָנאַלן שטריך.

אָבער אויך אין די אַנדערע אַזיאַטישע און אייראָפּעאישע לענדער קען געשאַפן ווערן אַ פרישע מחיצה צווישן ייד און ייד, ווען דער נאַציאָנאַלער „משומד“ וועט מיט דער צייט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פונם רעליגיעזן משומד.

* * *

יאָ, מיר שטייען אַצינד פאַרן אָנהויב פון אַ נייער עפּאָכע אין אונזער געשיכטע; ביז אַהער איז עס געווען אַ גאַנץ „נאַטירלעכע“ זאַך, למשל, אַז בשעת מלחמה, זאָל אַ דייטשער ייד שיסן אויף אַן ענגלישן ייד, ווייל זיי האָבן ביידע בלויז געדינט איין גאָט, אָבער זיך נישט באַטראַכט אַלס גלידער פון איין פאָלק.

מיט דער אַנטשטייאונג פון אַ יידישער מדינה וועט ווידער אויפוואַכןביים ייד אַ נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיניקייט, וואו ער זאָל זיך נישט געפינען; און אַזאַ



באַוואוסטזיניקייט, ווידער, וועט ביי אים מאָנען נאַציאָנאַלע געטריישאַפט, צום אונטערשיד פון דער ביז איצטיקער בלויז רעליגיעזער.

און דאָ קומען מיר צו צום גראַד פון קרובהשאַפט צום יידישן פאָלק, צו דער אומה, — נישט בלויז צום אַבסטראַקטן: יהדות — וואָס יעדער, סיי מזרח־ייד, סיי מערב־ייד, אשכנזי אָדער ספרדי, וועט ביי זיך דערפילן, בעת מען וועט אים שטעלן פאַר דער ברירה מיט דער איינדייטיקער פראַגע: הלנו או לצרנו.

* * *

עס איז איצט געקומען די צייט ווען מיר מוזן זיך פסיכיש צוגרייטן צו דער נייער סיטואַציע — בכדי ווען אַזאַ מאָמענט וועט קומען, זאָלן מיר נישט שטיין פאַר אַ פרייש „פּראָבלעם“.

עס קען זיך שאַפן אַ סיטואַציע, אין די גלות־לענדער, אַז די אַסימילאַנטן מיט די „אולטראַ“־אָרטאָדאָקסן זאָלן מאַכן יד־אחת און דערקלערן אַז מיר זענען בלויז אַ רעליגיעזער שבט און נישט קיין פאָלק; די לעצטערע וועלן זיך אפשר באַוואָרענען מיטן צוגעבן: „לעת־עתה“.

ס׳איז אָבער קיין ספק נישט, אַז דער שטאָלצער און הילכיקער ענטפער: „עברי אנכי!“ וועט קומען פון יעדער יידישער קעל ביי וועמען די קרובהשאַפט צום יידישן פאָלק איז אַזוי עכט, אַז דאָס בלוט זיינע וועט אַ שורגע טון מיט דעם אומקאָנטראָלירבאַרן קול וואָס קומט ממעמקים — — — — — דאָס קול פון דורות, וואָס וואַנדערט „מסוף העולם ועד סופו“ אינם בלוט־לויף פון קינדס־קינדער.

דעמאָלט, וועלן די ווערטער: קרובהשאַפט, געטריישאַפט און לאָיאַליטעט ביי אונז יידן ווידער באַקומען אַ מיין; עס וועט נעמען אַ סוף צום טיפן ריס אין אונזער פאָלקס־האַרץ, וואָס האָט אונז ווי אַ קללה פאַרפאָלגט אויף אונזער גלות־וועג און געטייטלט אויף אונז מיטן פינגער: „מענטשן מיט 2־פאַכע, 3־פאַכע און פילפאַכע לאָיאַליטעטן“.

„אין זכות פון די טעג“ 3/6
„אין חדר אריין“ 5/-
פון
משה עובד
צו באַקומען ביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

## דר. יעקב י. מייטליס

# לך ד...

(פוילן 2)

עס איז געווען אַ מורא׳דיקער, אַ פינצטער לך־לך... פון אַט דעם „גירוש־טויט“, ווי שאיעוויטש האָט אים אָנגערופן, זענען נאָר איבערגעבליבן רעשטלעך, שפּליטערס, איינצעלנע יידן. דער קבוץ פּוילישע יידן אַלס אַזעלכער איז געוואָרן פאַרשניטן. דאָס פּוילן פון פאַר־דער־מלחמה מיט זיין גרויסן רעזערוואַר יידן, איז געוואָרן אין גאַנצן אויסגעליידיקט. עס זיינען נישטאָ קיין יידן. וואו מ׳זאָל נישט גיין, וואו מ׳זאָל זיך נישט קערן און ווענדן, איינס איז קלאָר: יידן אַלס אַ גרויסע, קאָמפּאַקטע מאַסע האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דאָס קליינע שטעטל מיט זיין אייגנאַרטיקן קלסתר פּנים, מיט זיינע ספּעציפישע ווערטן און אינהאַלט, וואָס איז אין משך פון דורות געווען דער רוקנביין פון דעם סאָציאַלן און גייסטיקן געבוי פון פּוילישן יידנטום, איז אַוועק מיטן רויך. מ׳זעט קיין יידן נישט! אַפילו אין די גרעסערע און גרויסע שטעט זענען די אַמאָל אַזוי רוישיקע, לעבעדיקע יידישע גאַסן ליידיק. די הייזער פּוסט, ווי אויסגעשטאָרבן. דאָרט, וואו עס האָט אַמאָל געשטורעמט און געפּלייצט מיט לעבן־לוסט, מיט אַ פולען, צאַפּלדיקן יידישן לעבן — איז היינט אַ בית־עלמין־שטימונג.

עס איז שוין גאָרנישט פון די פריילעכע זאַכן, היינט־צו־טאָג צו וואַנדערן אויף דער פּוילישער ערד, וואָס האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט שטראָמען בלוט פון די מיליאָנען יידישע קרבנות, צו גיין צווישן די מורא׳דיקע חורבות, אויף די בית־עלמינס פון אונזער נאָענטסטן עבר. אָבער פּאָרט איז יעדער ייד, און בפרט אַ פּוילישער ייד מחוייב עולה רגל זיין צו דעם אָרט פון דער גרויסער עקידה, זיך איינצוהערן צו די פאַרשטיקטע קרעכצן פון די אויפגעריסענע, איינזאַמע הערצער, זיך צוצוהערן צו זייערע פינצטערע איבערלעבענישן און פּרובן מיטדערלעבן דאָס, וואָס דער מענטשלעכער מוח קען נישט תופס זיין, וואָס דאָס האַרץ קען נישט באַנעמען. עס איז, וואָלט איך געזאָגט, אַ מין נייע מצות־עשה פון אהבת ישראל: צו קענען זיך מצער זיין מיט דעם גרויסן צער פון פאָלק, טרויערן אויף זיין אומבאַשרייבלעכן בראָך און איבערלעבן מיט אונזער גאַנץ ביסל חיות, מיט אַלע אונזערע חושים דעם מאַרטירער־וועג פון דער נייער, שרעקלעכער עקידה. דעמאָלט וועלן אונזערע אויערן דערהערן פון די טיפענישן פון דער ערד אַרויס די פאַרשטיקטע קולות פון די מיליאָנען גערצח׳נטע און אומגעקומענע, און אונזערע נאָזלעכער וועלן דערשמעקן דעם זיסלעךעפּוש׳דיקן ריח פון די קרעמאַטאָריעס אין די שייטער־הויפענס...

אויף דער דאָזיקער פאַרשוועכטער ערד באַגעגנט איר מענטשן, וואָס קוקן גאָרנישט אויס צו זיין רעאַל, ממשות׳דיק, נאָר שאָטענעס, נעכטיקע, עפּעס עולם־התוהו־געשטאַלטן, מענטשן מיט פאַרלאָשענע אויגן אָבער מיט ברענענדיקע, אָפענע וואונדן, מיט הערצער פול פאַרביטערונג און טרויער. האָבן זיי דאָך, די איבערגעבליבענע, לויט אַלע כללים פון פאַרטיליגונג שוין לאַנג נישט



געדאָרפט לעבן, זייער געביין ערגעץ וואו פּוילן צווישן די מאַסן־קברים פון זייערע אומגעקומענע ברידער. און דאָ, ממש עפּ״י נס, דרייען זיי זיך אַרום לעבעדיקע אויף אַ פרעמדן באָדן, גערעטעוועטע, אָבער נישט־דאָ־וועלטיקע, אָפּגעריסענע גלידער, פאַראיינזאַמטע, וואָס קענען אין דער היינטיקער, צעשרויפטער וועלט נישט געפינען זייער תקון. אויב מיר זענען נישט בכוח זיי צו פאַרשטיין, צו געפינען אַ וועג צו זייערע הערצער, אויב מיר קענען ניט רעדן אַ בשותפות׳דיקן לשון מיט זיי, אויב מיר האָבן נישט דעם כוח זיך מיט זיי צונויפצוגיסן, צו ווערן איינס — היינט, ווי אַזוי קען געשען דער גרויסער נס פון בראשית, פון יצירה און אויפבוי, פון גאולה און אויפקום? נאָר דער, וואָס קען באַנעמען מיט זיין נשמה די טיפע טראַגעדיע פון דעם יידישן פאַרגיין, ווער עס קען מיט אַ האַרץ פול צער און יסורים, אמת׳דיק, אָן שום פּניות און אָן פּאָזע גיין דעם לאַנגן, האַרטן וועג פון דעם נייעם לך־לך, דער קען האָפן אויף אַ נחמה, דער קען דערלעבן צו זען די שפּראָצונגען פון דער אויסלייזונג.

עס איז אוממעגלעך צו וועלן באַנעמען כאָטש אַ מקצת מן המקצת פון דעם גרויסן פאַרגיין אין פּוילן, אויב מען לאָזט זיך נישט גיין אויף דעם פינצטערן קבר־אבות, צו איינעם פון די פאַרטיליגונג־פּלעצער, וואו מיליאָנען יידן זענען אומגעקומען. עס איז שווער! אויב אָבער אונזערע טאַטעס און מאַמעס, שוועסטערן און ברידער, קינדער און זקנים האָבן געמוזט אויסטרינקען דעם ביטערן בעכער ביז׳ן דנאָ, טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר, די יחידים, די „נאָרמאַל“ לעבן־געבליבענע, זיך פּרובן שוינען, אָפּהיטן דאָס האַרץ, די נערוון, אַז מ׳זאָל זיך חלילה נישט אויפרעגן? פּוילן פון 1947 האָט ליידער אויפצוווייזן אַ סך טויטן־סטאַנציעס, צווישן זיי איז טרויעריק באַרימט אשוויענצים.

• • •

עס איז תשעה באב, אַ הייסער, שווערער סוף יולי טאָג.

אויפן הויפּט שליאַך, פאַרביי קליינע, אויסגעליידיקטע שטעטלעך, צווישן שטילע, שטומע וועלדלעך, לויפט דער אויטאָמאָביל, וואָס פירט אונז אויף דעם טרויעריקסטן פון אַלע וועגן, דעם וועג פון טאָטאַלער פאַרטיליקונג, קיין אשוויענצים.

און אָט שטייען מיר שוין מיט וואַקלדיקע קני, מיט צופלאַמטע פּנים׳ער און אַ ציטער אין האַרצן פאַר דעם גרויסן טויטן־לאַגער. אָט דאָ איז די באַן־„ראַמפּע“, וואוהין עס פלעגן אָנקומען די טראַנספּאָרטן מיט די צום טויט פאַרמשפּט׳ע, אָט זענען די דראָט־אָפּצוימונגען, וואָס נעמען אַרום צענדליקער קילאָמעטער ערד, מיט די געביידעס, טורעמס און וואַך־פּאָסטענס. דאָס זענען די טויערן, וואָס האָבן ברוטאַל, ברייט און טיף אויפגעריסן זייערע אומדערזעטיקטע העלדזער, כדי אַלץ פון דאָס ניי צו פאַרשלינגען נייע מאַסן קרבנות...

מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אבלים אין זייער שבעה, באַטרעטן מיר דעם געהייליקטן באָדן, וואָס די האַנט פון שונא האָט אַזוי פאַרשוועכט. עס איז דער באָדן, אויף וועלכן הונדערטער טויזענטער יידן, שוואַכע און שטאַרקע, זקנים

און יונגע, פרויען און פּיצעלעך קינדער, זענען געגאַנגען מחנות׳ווייז צו דער שחיטה. איר פּילט מיט אַמאָל די גרויסע מענטשלעכע נויט, דעם ממעמקים־רוף פון אימה און הילפלאָזיקייט, וואָס האָט אַרומגענומען גאַנצע עדות מענטשן אין דער ענגשאַפט פון די דראָט־אָפּצוימונגען, אין די באַראַקעס און בונקערס, וואו מען האָט הונדערט מאָל אַ טאָג פאַרשוועכט, געשענדעט און דעגראַדירט דעם צלם אלקים פונם מענטש. איר גייט אויף דער ערד, וואו יעדער שריט איז אָנגעוויטיקט מיט צער און יסורים, יעדער טריט פול מיט פאַרגאָסן מענטשלעך בלוט. דאָ איז די ערד נאָך באַדעקט מיט שווערע בלוטיקע טרערן, וואָס הילפלאָזע מענטשן האָבן אויסגעוויינט אין דעם גרויען עלענד פון די לאַנגע ענדלאָזע טעג און נעכט. פון יעדן ווינקל אַרויס שרייט די פאַרשוועכטע מענטשהייט, די גרויסע מאַרטיראָלאָגיע פון מענטשלעכן מין.

היינט איז דאָ אַלץ שטיל, עס איז אַ בית־עלמין. ווי לערע קברים קוקן אויס די הייזער, די באַראַקעס, וואָס ציען זיך שורות׳ווייז, ווי אַ לאַנגע קייט צו די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, וואָס זענען צושטערט, אָבער וואָס זאָגן שטומערהייט עדות וועגן דעם גרויסן אומקום, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט.

היינט וואַקסן גרעזער אין דעם אומגעזונטן טאָל, וואו די דייטשישע תלינים האָבן אויפגעבויט דעם אשוויענצימער טויטן־לאַגער. אפשר, אַז די נאַטור אַליין שעמט זיך מיט די מענטשלעכע גרויזאַמקייטן און פּרובט זיי צו פאַרדעקן.

* * *

אין דעם צווייטן לאַגער פון אשוויענצים האָבן די פּאָליאַקן אַוועקגעשטעלט אַ מוזעאום. עס איז אַ זאַמלונג פון פּיין און אכזריות׳ן, אַ לעבעדיקער עדות פון דער גרויסער פאַרטיליקונג, וואָס די דייטשע „קולטור״ האָט דאָ וויסנשאַפטלעך און מיט אַ גרויסן פאַרנעם אַדורכגעפירט.

מ׳וויזט אייך דעם אָנהויב פון דער טראַגעדיע ביז איר ביטערן סוף: דעם פינצטערן וועג פון די קרבנות ביז צו זייער מורא׳דיקער עקידה. מען פירט אייך דורך צימערן פול מיט אָנדענקענס פון דעם גרויסן, אָרגאַניזירטן מאָרד. אָט ליגן בערגער מיט שיך. דערוואַקסענע שיך, שיך פון פרויען, שיך דאַמעס, אַלע מיט נעמען און אַדרעסן פּונקט ווי איר וואָלט נאָך איצט געקענט אָפּזוכן די קרבנות און זיי אָפּגעבן זייערע אבידות. עס ליגן קערבלעך פון כל המינים, געשיר, טעפּלעך, ראָנדלעס, קאָך־טעפּ, פליייש־מאַשינען, הונדערטער־טויזנטער גאָפּלען, לעפלען און מעסערס. אין אַן אַנדער צימער קוקט אויף אייך מיט מורא׳דיקע אויגן אַ פאַרשוועכטע מענטשהייט: עס ליגן פּעק מיט האָר, שוואַרצע, בלאָנדע, טונקעלע און גרויע האָר אַראָפּגענומען פון די מענטשן פאַר דער שחיטה — און אָפּט ערשט נאָך דעם פאַרגאַזן...

אַ מאָדנע אינטימיטעט רעדט צו אייך פון די פּודער־קעסטלעך, בערשטלעך, קעמעלעך, שערעלעך, פּיילן, שמינקע, — אַלץ, וואָס געהערט צו דער קאָסמעטיק פון דער מאָדערנער פרוי, — וואָס אייַדעלע, צאַרטע הענט האָבן



באַנוצט ביז צום לעצטן מאָמענט... איז דאָס אַלץ געווען גרויזאַמע אַנונג־לאָזיקייט, אָדער גאָלער אָנשטעל, כדי דעם שונא נישט צו באַווייזן די שוואַכקייט, די מורא׳דיקע הילפלאָזיקייט?

מען שוינט אייך נישט, מען ווייזט אייך אַלץ. קען אַ מענטשלעך האַרץ דאָס אַלץ דערטראָגן? קענען אויגן דאָס אַלץ זען, און נאָך מער?

אפשר דאָס שוידערלעכסטע פון דעם אַלעם איז געווען דער בית־עלמין מיט טליתים. אָט ליגן טליתים, שטומע, געשענדעטע און מיט אַ פאַרגליווערט־ווייַנענדיקן בליק קוקן זיי דיך אָן און מאָנען עפּעס אַזוי אינטענסיוו, אַזוי האָפענונגסלאָז, אַז דו פילסט, ווי דאָס האַרץ פאַרקלעמט זיך בײַ דיר און דו קענסט נישט קיין וואָרט אַרויסברענגען.

לייכטן צווישן זיי טליתים מיט יחסנ׳דיקע עטרות פון גאָלד און זילבער, גבירישע און לומדישע טליתים, און צווישן זיי פּראָסטע טליתים, שטילע, צניעות׳דיקע, מאנכע מיט ברייטערע און מאַנכע מיט שמעלערע פּאַסקעלעך. אַלץ איז איין האַרמאָניע פון שטומער פאַרצווייפלונג, פון עלבון השכינה — עס שווייגט דער שמערץ, יאוש׳דיק קוקט ער אַרויס פון אונטער די טליתים און דו קאָנסט דעם בליק נישט פאַרטראָגן.

ווי אַ געשלאָגענער הונט, מיט אַ רעוואָלטירנדיק האַרץ אין דער ברוסט און מיט אויגן פאַרלאָפענע פון בלוט פרעגסט דו דיך די אַלטע קשיה: איז דען גאָרנישט דאָ קיין ברעג צו דעם לייד, איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט, וואָס זאָל זיך אָננעמען די קריוודע פון די געשענדעטע און געמאָרדעטע — און אויב דאָס נישט — דעמאָלט נקמה!

דער היינטיקער ייִדישער קבוץ אין פּוילן באַשטייט קודם כל פון ייִדן, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אין פּוילן גופא און פון די, וואָס זענען צוריקגעקומען פון די קאָנצענטראַציע און טויט־לאַגערן. דעם ווייט גרעסטן טייל אָבער שטעלן מיט זיך פאָר די רעפּאַטריאַנטן, די צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד, וואָס האָבן באַטראָפן בערך 150 טויזנט מענטשן.

קליין אָבער, פאַרשווינדנדיק קליין איז היינט די צאָל פון אָט דעם רעשטל ייִדן אויפן פּוילישן ב׳אָדן. אינ׳ם צענטראַל קאָמיטעט פון די ייִדן אין פּוילן (צ.ק. אין ווייטערע ציטירונגען) האָט מען מיר אָנגערופן אַ ציפער פון אַן ערך 90 טויזנט ייִדן, פון וואָס דער ראשו ורובו, בערך אַ 65 טויזנט לעבט אין שלעזיע. דער רעשט געפינט זיך אינעם אייגענטלעכן געביט פון פּוילן, און ווידער אַמאָל עפּ״י רוב אין די גרעסערע און גרויסע שטעט. פון דעם קליינעם שטעטל זענען ייִדן לחלוטין פאַרשוואונדן.

מיר איז אויסגעקומען, בעת מײַנע נסיעות אין פּוילן, אַדורכצופאָרן אַ ריי ייִדישע שטעטלעך, וואָס האָבן אַמאָל גע׳שם׳ט מיט זייער גלאַנץ, ייִדישקייט און קולטור אין דער ייִדישער וועלט. היינט איז דאָרט ניט פאַראַן קיין ייִד, עס איז אומברחמנות׳דיק אָפּגעווישט געוואָרן יעדער סימן פון אַמאָליקער ייִדישקייט. מ׳זעט נישט אויף די טאָג־ליכט קיין ייִדיש קינד אויף דער גאַס, איר באַגעגנט נישט קיין ייִדיש פּנים אויפן מאַרק, קיין שילד מיט אַ ייִדישן נאָמען קוקט נישט

אַראָפּ פון די הייזער, — מיר זענען אַוועק מיט'ן רויך. און מיינט נישט, אַז די הייזער שטייען נישט ווי אַמאָל, אַז די גאַסן מיט הויפן זענען פאַרשוואונדן געוואָרן, אַז דער מאַרק איז פאַרברענט געוואָרן, — הויבט זיך גאָרנישט אָן! אַלץ שטייט פונקט אַזוי ווי פריער, עס איז גאָרנישט באַשעדיקט געוואָרן, מיט דעם איינעם אונטערשייד, אַז יידן זענען נישטאָ מער. ס'איז, דוכט זיך אין פלוג דאָס זעלביקע שטעטל, אָבער פּאָרט נישט. היינט האָט עס אַן אַנדערן אויסקוק, עס איז פרעמד, קאַלט, גוייש — עס איז נישט מער אונזער שטעטל!

דער שונא האָט אָפּגעטאָן זיין אַרבעט גרינדלעך. עס איז אים געלונגען אין דעם גרויסן פאַרגיין, אומצוברענגען יענע פאָלקס־גרופּעס, וואָס זענען ביאָלאָגיש אַמפּראָדוקטיוווסטן און אַזוי אַרום פאַרשניטן נישט נאָר דעם גרויסן מענטשן רעזערוואַר פון נעכטן, נאָר אויך געגעבן אַ טויט־קלאַפּ דעם צוקונפטיקן פאַרמערונג־פּראָצעס פון יידן אין פוילן. דערצו קומט נאָך צו דער פאַקט פון דעם נידעריקן פּראָצענט פון קינדער, וואָס איז געבוירן און לעבן און אַזאַ נידעריקן פּראָצענט האָט קיין שום פאָלק אויף דער וועלט נישט. אומגעוויינלעך שוואַך איז אויך דער שפּיץ פון פּיראַמיד, אין די עלטער־שטופן פון איבער 56 יאָר. דאָ איז דער פּראָצענט פון די ניצול־געוואָרענע אַ דערשיטערנדיק קליינער.

די קאַטאַסטראָפע האָט אויך געצייטיקט אַ גאַנצע ריי אַנדערע דעמאָגראַפישע פּראָבלעמען, וואָס ווירקן זיך אויס אומגינצטיק אויף דער סטרוקטור פון יידנטום אין פוילן. אַזוי למשל דער פאַקט פון גרויסן איבערוואָג פון מענער איבער פרויען. בשעת פאַר דער מלחמה זענען געווען אויף יעדע הונדערט מענער 108.3 פרויען, קומט היינט אויס אויף יעדע הונדערט מענער נאָר 84 דאָס אויספעלן פון פרויען פירט צו געמישטע חתונות און דאָס בלי ספק צו שמד און אָפּפרעמדונג פון יידן.

• • •

וואַרעמער אויפן האַרץ ווערט, ווען מען קומט קיין לאָדזש. עס איז יידישלעכער, לעבעדיקער, אינטענסיווער, — אַ שטיק אָרימע ירושה פון אַמאָליקער עשירות. אָבער מאַכט נישט קיין טעות: עס איז נישט דאָס אַלטע לאָדזש, וואָס האָט געקאָכט און געבראַזט מיט יידיש לעבן, מיט יידישער איניציאַטיווע און קולטור, מיט פאַבריקן, מסחר און אַ גרויסער האָראָפּאַשנער מאַסע. היינט לעבן דאָ, אַזוי זאָגט מען מיר, אַן ערך צוועלף טויזנט יידן (געווען אַ סך מער, אָבער מען איז זיך צולאָפן), דער גרעסטער גרויסשטאָטישער ישוב אין אַלטן פוילן. דאָ קאָנצענטרירט זיך דאָס גאַנצע ביסל שמאַלץ, דער רעשט גייסטיקער באַגאַזש פון פוילישן יידנטום ביי היינטיקן טאָג. לאָדזש איז טאָקע דער צענטער פון דער קליינער שרייבער און אַרטיסטן משפחה. דאָ איז טעטיק דער פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן", וואָס גיט אַרויס אַ צוויי־וואָכנטלעכע צייטונג מיטן זעלביקן נאָמען, דאָ גייט אַרויס די חודש־טריבונע „יידישע שריפטן" און אַ גאַנצע ריי אַנדערע פאַרטיי־זשורנאַלן אחוץ ביכער. לאָדזש איז נאָך דער זיץ־פּלאַץ פון דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע (וואָס ווערט אגב אורחא אַריבערגעטראָגן ביסלעכווייז קיין וואַרשע), וואָס זאַמעלט און גיט אַרויס די מאַ־



טעריאַלן און דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון דעם גרויסן אומקום.

אין לאָדזש זענען אויך צענטראַליזירט די יידישע יוגנט־באַוועגונגען מיטן „החלוץ" בראש, וואָס האָט דערווייל געשאַפן אַ באַשיידענעם אָבער וויכטיקן נעץ פון יידישע שולן.

ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק איז לאָדזש געווען דער צענטער פון ועד הקהלות, פון דער רעליגיעזער קאָנגרעגאַציע, וואָס איז נישט פאַרטרעטן אינם צ.ק. אין וואַרשע. מען האָט מיך אינפאָרמירט, אַז אין גאַנץ פוילן עקזיסטירן היינט 82 קהלות, וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין דער קאָנגרעגאַציע און וואָס האַלט אויף אַן אייגן שול־וועזן מיט תלמוד־תורה'ס, אַ בית־יעקב־שולע, עטלעכע קינדער־היימען, אויסבילדונג־קורסן פאַר לערער א.ז.וו.

אויף זאַראָדניע גאַס 66 האָט זיך דאָס רעליגיעזע יידנטום איינגעפונדעוועט. מיט די הויכע, פּילגאָרענדיקע מויערן און אָפּיצינעס קוקט דאָס הויז אויס ווי אַ שטיק פעסטונג, וואָס ווערט עקשנות'דיק געהאַלטן. דאָ האָבן זיך פאַר די לעצטע צוויי יאָר קאָנצענטרירט אַ ריי רעליגיעזע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן ווי די קהלה, די תלמוד־תורה, די בית־יעקב־שולע (וואו מען היט אָפּ יידיש ווי אַן אויג אין קאָפּ), צוויי בתי מדרשים, אַ מקוה, אַ גאָר־קיך און ביז נישט לאַנג אַ ישיבה. עס איז אָבער אַ שטיק פאַרגליווערט, אומרעאַל יידיש לעבן, אַרויסגעשניטן פון צאַפּלדיקן נעכטן, אָבער כמעט אָן פאַרבינדונג מיט דעם גרויען, פאַרענדערטן היינט.

זאָגן מיר רעליגיעזע און סתם יידן, אַז עס איז נישטאָ קיין שום האָפענונג אין פוילן פאַר אַ רעליגיעז לעבן אין דער צוקונפט. יידן ווילן אַוועק, רבנים צופאָרן זיך, ס'ווערט ליידיקער, אומעטיקער.

• • •

יידיש־וואַרשע, די אַמאָליקע קרוין פון מאָדערנעם פוילישן יידנטום, איז היינט די פאַרקערפּערונג, דער סימבאָל פון זיין ירידה, פון זיין אומקום. דאָרט, וואו עס האָט אַמאָל געקאָכט מיט יידיש לעבן, וואו די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט יידישקייט און עס זיינען געווען קאָנצענטרירט איבער 350 טויזנט יידן — איז היינט אַ וויסטעניש, אויף וועלכער עס איז אויסגעגאָסן אַן אויפציטערנדיקע שטומקייט, די שטילקייט פון טויט. זיינע גאַסן, יעדע אַ נאָמען, אַ היימיש־אייגענע, ליגן היינט אויסגעקוילעט, חרוב, קיין מויער שטייט נישט גאַנץ, אַלץ איז נאָר אַש, נאָר מיסט, קיין זכר נישט פון אַמאָליקן שטורעמדיקן לעבן. דאָ זענען מיר געוואָרן אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל. עס איז אַ טאָטאַלער חורבן.

דו גייסט איבער גאַסן, וואָס זענען מער קיין גאַסן נישט, דו טרעטסט אויף וועגן, וואָס זענען שוין אַפילו קיין וועגן נישט. אַלץ איז איין חורבה. די אַמאָליקע גאַסן און איצטיקע וועגן זענען פאַרשאָטן מיט שטיקלעך ציגל, מיסט און אַש און איבער דעם אַלעם וואַקסן ווילדע גרעזער. אָבער וויפיל פּיין, וויפיל צער און יסורים ליגט דאָ אויסגעגאָסן אויף דעם חרוב'ן שטח, וואָס איז אַמאָל געווען וואַרשעווער געטאָ. וויפיל נויט, וויפיל פאַרשטיקטע הילפלאָזיקייט און

ווײ־געשרייען הענגן דאָ פֿאַרגליווערט אין דער לופֿט. וויפֿיל גבורה און קדושה איז אָנגעשריבן אויף די שטיינער וואָס איינער שטייט שוין אַפֿילו נישט מער אויפֿן צווייטן . . .

ווער קען זיך איינהערן צו דער דאָזיקער פֿאַרניכטונג־שטילקייט און זי פֿאַרגעסן ?

* * *

איז אָבער יידיש לעבן נישט שטילשטאַנד, פּאַסיוויטעט און סטאַטיש. עס פּליסט ווייטער, עס שטעלט זיך נישט אָפּ. זענען טאַקע פֿאַראַן מענטשן, אָפּטימיסטן, מאמינים פֿון אַ נייעם חדר, וואָס טראָגן אין זיך אָבער די עקשנות פֿון די אַלטע מקובלים, און וואָס פּרובן שוין איצט, אויף די חורבות פֿון נעכטן צו בויען אַ ניי לעבן. איז אפשר שיעננא 60, דער פּילגאָרנדיקער בנין פֿון צ.ק. פֿון יידן אין פּוילן, אַ לעבעדיקער עדות פֿון דעם נישט־בייגעוודיקן, עקשנות׳דיקן ווילן מנצח צו זיין, צו שאַפֿן און צו בויען ?

קאָכט עס טאַקע ווידער און שטורעמט אויף שיעננא 60, אין דעם בנין פֿון צ.ק., וואָס אין זיין קאָמפּעטענץ גייען אַריין אַלע ענינים פֿון יידישן לעבן אין פּוילן. דאָ שמידט זיך דער גורל פֿון די 90 טויזנט יידן. דאָ זענען פֿאַראַן דעפּאַרטאַמענטן, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט דער פּראָדוקטיוויזאַציע פֿון די מאַסן, מיט זייער עקאָנאָמיק, מיט יורידישע ענינים, עמיגראַציע און רעפּאַטריאַציע, קולטור און פּראָפּאַגאַנדע, מיט יוגנט און סאָציאַלן שוץ, מיט בילדונג, פֿינאַנץ א.ז.וו. עס איז אַ יידיש מיניסטעריום, אָבער עס וואָלט זיך געפּאַסט אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרן, ווען עס האָבן נאָך געלעבט אויפֿן פּוילישן באָדן אַ דריי מיט אַ פֿערטל מיליאָן יידן. עס איז היינט ליידער אַביסעלע צו שפּעט ! מיט זיין גרויסן פֿאַרנעם און אַפּאַראַט קוקט דער צ.ק. אויס ווי דאָס פֿאַרזעעניש, וואָס טראָגט אויף אַ שמאָלן, קליינעם קאַרליק־קאַרג אַ משונה׳דיק־ריזיקן קאָפּ.

אין וואַרשע גופֿא זענען פֿאַראַן ווייניק יידן. זענען דאָך אין וואַרשע בכלל קיין יידן נישט געבליבן און פֿאַר די, וואָס ווילן זיך פֿון דאָסניי באַזעצן, פֿעלן אויס דירות אין דער צושטערטער שטאָט. דאָס האַרץ האָט זיך אָבער ליב צו גענאַרן. עס וויל נישט גלויבן דאָס, וואָס די אויגן זען. פֿאַרמאַכט מען די אויגן און מען זעט ווי אין אַ וויזיע וואַרשע פֿון אַמאָל . . . אָט דוכט זיך דיר אויס, אַז דאָס מיידל, וואָס גייט דאָרט איבערן גאָס, אַ חנ׳עוודיקע, מיט אַ שטיפֿעריש פּנים׳ל, איז דאָך דבורה׳לע אָדער שרה׳לע מלא טעם און חן פֿון יאָר 1938 . . . אין דער אמת׳ן אָבער זענען די גאַסן לער, די הייזער חרוב און מ׳זעט קיין ייד נישט. און ווידער אַמאָל וואַרפֿט זיך דיר אין די אויגן אַריין אַ באַחנ׳ט פּנים, לעבעדיקע, טרויעריק־און־טיף־חכמה׳דיקע אויגן און אַ גרויסער, אָנזעעוודיקער צלם באַדעקט איר האַלב־דעקאָלטירטע ברוסט. עס איז פֿון דעם מין : למען ישמעו, זאָל מען עס וויסן, ווער איך בין . . .

באַמיט זיך דער צ.ק. אין וואַרשע צו אָרגאַניזירן דאָס ביסל צובראָכענע יידישע לעבן אין פּוילן. זענען אָביעקטיוו די באַדינגונגען גונסטיקע. די איצטיקע רעגירונג, וואָס באַטראַכט זיך אַלס דער רעפּרעזענטאַנט פֿון דער נייער



פֿאָלק־דעמאָקראַטיע, האָט יידן געגעבן אַלע רעכט און פּריווילעגיעס. באַגרענעצונגען לגבי יידן, ווי אין די אַלטע צייטן, עקזיסטירן נישט. יידן האָבן לויטן געזעץ אַלע שאַנסן צו שטייגן אויף דער מלוכה־לייטער און דערגרייכן די סאַמע העכסטע שטופֿעס. זינט די וואַלן פֿון פֿאַרגאַנגענעם ווינטער האָט זיך די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד סטאַביליזירט און עס הערשט מער אָדער ווייניקער רו און זיכערקייט. ווי ווייט מעגלעך אונטערשטיצט די רעגירונג די יידישע איניציאַטיוו, הן אויפֿן עקאָנאָמישן ווי אויפֿן קולטורעלן און סאָציאַלן געביט. נאַטירלעך, ווי ווייט זי גייט אויף דער אַלגעמיינער ליניע פֿון דער מלוכה־פּאָליטיק. איז טאַקע עקאָנאָמיש די יידישע לאַגע אַ נישט־קשה׳דיקע. יידן זענען עוסק אין מסחר, האָבן פּריוואַטע אונטערנעמונגען אין דער קליין־אינדוסטריע און אַרבעטן אַלס האַנטווערקער און אין די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס. יידן זענען באַשעפֿטיקט הן אין דער קאָמונאַלער ווירטשאַפֿט און הן אין מלוכה־אָרגאַנען און אַרבעטן אין די מלוכה־פֿאַבריקן, קוילן־גרובן און אין לאַנדווירטשאַפֿט.

דער צ.ק. האָט אָרגאַניזירט און ביי היינטיקן טאָג באַשטיין אַרום 200 קאָאָפּעראַטיוון (מיט אַן ערך זעקס ביז זיבן טויזנט מיטגלידער) און אַ סך צווייגן פֿון אינדוסטריע און מלוכה. אַזוי למשל אין נאָדל, לעדער, טעקסטיל, בוי, סטאָלעריי, עלעקטריע און אויטאָ־מעכאַניק. די ווירטשאַפֿט־צענטראַלע ביים צענטראַל קאָמיטעט שטעלט זיי צו די נויטיקע רוי־מאַטעריאַלן און נעמט דערנאָך איבער די די פֿאַרטיקע פֿאַבריקאַטן, וואָס זי פֿאַרקויפֿט דירעקט צום קאָנסומענט אין אַן אייגענעם נעץ פֿון געשעפֿטן איבערן גאַנצן לאַנד. דאָס האָט די מעלה, וואָס דער קאָנסומענט באַקומט גוטע אַרטיקלען און צו ביליקע פּרייזן. האָבן אויך די קאָאָפּעראַטיוון זייערע אינסטרוקטאָרן, וואָס העלפֿן הויבן די קוואַליטעט פֿון אַרבעט.

עקזיסטירט נאָך ביים צ.ק. אַ באַנק פֿאַר פּראָדוקטיוויזאַציע, וואָס גיט אַרויס הלוואות פֿאַר קאָאָפּעראַטיוון, האַנטווערקער און ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס.

* * *

דערפֿאָלגן וועט איר אויך באַמערקן אויפֿן געביט פֿון דערציאונג און פֿאַךאויסבילדונג אין אַלע גרעסערע ישובים באַשטיין יידישע שולן, דערווייל נאָר עלעמענטאַר־שולן, אין פֿאַך־קורסן. מיט מיטל־שולן איז עס שוין היבשלעך שווערער. אין קראָקע, למשל, באַשטייט אַן אָנהויב פֿון אַ יידישער גימנאַזיע. פֿעלן אָבער קודם כל אויס לערער און דאָס איז אפֿשר, אָביעקטיוו גענומען, איינע פֿון די הויפּט מניעות אין דער אַנטוויקלונג פֿון יידישן שול־וועזן אין פּוילן. איז אָבער אויך אויף דער אַנדערער זייט, ווי עס איז מיר אויסגעקומען צו באַמערקן, נישט פֿאַראַן אין די אָנפֿירנדיקע קרייזן פֿון די יידישע קאָמוניסטן די אַבסאָלוטע איבערצייגונג אין דער נויטווענדיקייט פֿון אַ פּאָזיטיוויידישער דערציאונג. איז מען דווקא נוטה צו שיקן די קינדער אין אַלגעמיינע פּוילישע שולן. הלמאַי, צו וואָס זאָל מען זיך סעגרעגירן ? אדרבא, זאָלן יידישע און פּוילישע קינדער אין דער פֿאָלק־דעמאָקראַטיע צוזאַמען אויפֿוואַקסן, לערנען צוזאַמען און פּרובן זיך בעסער קעגנזייטיק צו פֿאַרשטיין . . . עה, וואו

האָבן מיר דאָס שוין אַמאָל געהערט אָט די דאָזיקע מליצות ? זיי קלינגען דאָך אין אונזערע אויערן אַזוי באַקאַנט, אַזוי היימיש, אַזוי באַנאַל־פּשוט, אַז מיר האָבן נאָך זייער נעכטיקן טעם אין מויל. (בכלל באַמערקט איר אין געוויסע אַנ־פירנדיקע יידישע קרייזן אַ איבער־שטאַרקע מאָס פון פּאַטריאָטיזם, וואָס דער־מאָנט אייך צוביסלעך אין דעם אַלטן עקעלהאַפטן און אומווירדיקן מה־יפית־טאָן. די מושלים האָבן זיך געענדערט, אָבער דער טאָן איז געבליבן דער זעל־ביקער !)

האָט דאָך מיר אַ באַקאַנטער פּעדאַגאָג, דער אָנפירער פון זייער אַ שיין קינדער־היים, וואָס שטייט אונטער דער השגחה פון צ.ק. (און ווערט אויסגע־האַלטן פון „דזשאָינט״), מיט שטאָלץ אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, וואָס אין זיין היים געפינען זיך 25 פּראָצענט נישט־יידישע קינדער, און אַז די עלטערע יידישע קינדער גייען זעלבסטפאַרשטענדלעך אין דער אָרטיקער פּוילישער גימנאַזיע. ער, גופא, איז אַ גרויסער אָנהענגער פון פריינטשאַפטלעכע באַצי־אונגען צווישן יידישע און קריסטלעכע קינדער און האָט אויף דעם געביט שוין אויפצעווייזן וואָגיקע דערפאָלגן. האָט חלילה קיינער נישט קעגן אַ נאַטירלעכע פריינטשאַפט פון יידישע און נישט־יידישע קינדער. אדרבא, דאָס איז זער ווינטשנסווערט און וויכטיק ! די פראַגע איז נאָר, וואו מ׳שטעלט דעם טראָפּ, צו מיינט „פריינטשאַפט״ אַסימילאַציע און פאָלק־אָפּפרעמדונג, סוף־כל־סוף זיך צונויפגיסן מיטן פּוילישן פאָלק ! און אַז מען האַלט שוין ביים רענאָמירן, ווייזט מען אייך אויך אגב אורחא, אַז מ׳איז חלילה אין גאָרנישט הינטערשטע־ליק און אַז מ׳האָט אַ פיינע ווירטשאַפט פון הינער, גענדז, טויבן, בינען, בהמות און אַפילו חזירים...

אַ טייער איבערלעבעניש איז פאַר מיר געווען דער באַזוך אין די קינדער־היימען אין און אַרום אָטוואָצק. דאָרטן האָב איך געפונען אַ ליכטיקע און וואַ־רימע אַטמאָספערע, מיט וועלכע באַקאַנטע פּעדאַגאָגן און גענייטע דערציער האָבן פאַרשטאַנען אַרומצונעמען די עדה קינדערלעך און צוריקצוברענגען צו אָט די שווער־געליטענע און ניצול־געוואָרענע יתומים אַ סך פרייד און אַ גליק־לעכע, קינדער־שטימונג. די היימען זענען אָוועקגעשטעלט אויף די מאָדערנ־סטע פּרינציפּן פון דערציאונג און עס איז אַ מחיה צו וואַנדערן דורך די שיינע, ליכטיקע און גרויסע צימערן, וואו די קינדער שלאָפן, עסן, האַלטן זיך אויף און שפּילן. הגם אָוועקגעשטעלט אויפן פּרינציפּ פון יידיש, איז אָבער יידיש פאָרט נאָר אַ לערן־שפּראַך און פאַר דעם למוד פון יידיש און העברעאיש גיט מען אָפּ אין גאַנצן 4 שעה אַ וואָך אין משך פון לערן יאָר. רעדן טאַקע די קינ־דער (אין די אַמטן און וואו איר גייט) פּויליש און איך האָב בייגעוואוינט אַ לעקציע פון געזאַנג אין איינעם פון די קינדער־היימען, וואו מ׳לערנט די פּיצע־לעך זינגען יידישע לידער און אַזוי אַרום זיי איינגעוואוינען צו יידיש. דער דאָ־זיקער טרויעריקער פאַקט האָט אַ סך סיבות און נישט צולעצט די סיבה, וואָס די מייסטע קינדער האָבן זיך אויפגעכאָוועט אין אַ קריסטלעכער סביבה און אַזוי אַרום אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. עס איז פּאַטעטיש, אָבער זייער טרויעריק.



איז וואָס איז דער געווס פון פּוילן ? האַלט דער לאַגער, פינצטערער לך־לך ביים סוף, איז דער וועג, וואָס האָט אַזוי מורא׳דיק קולימינירט אין דער מיליאָניקער עקידה, שוין פאַרענדיקט ?

שווער צו ענטפערן אויף אַלע די און אַ סך אַנדערע פראַגן, וואָס עגבערן אייך היינט אין קאָפּ. דערווייל איז די לאַגע אין פּוילן סטאַביל, רואיק. עס איז שטיל, אָבער הייסט דאָס, אַז די יידישע לאַגע דאָרט איז אַ געזיכערטע ? ווער וואָלט וועלען ביי היינטיקן טאָג נביאות זאָגן ! עס דוכט זיך, אַז די גרופּע, וואָס דאָמינירט אין אַ געוויסן זין דאָס פּאָליטיש־יידישע לעבן אין פּוילן מאַכט אַלע אָנשטרענגונגען דאָרט צו פאַרבלייבן און בויען זייער צוקונפט. ווי גרויס עס איז דער פּראָצענט איז שווער צו זאָגן. זיכער איז, אַז דער רוב מנין ובנין פון יידן אין פּוילן וויל אויסוואַנדערן און וועט אויסוואַנדערן, אויב די מעגלעכ־קייטן וועלן נאָר זיין פאַראַן. מען זיצט, האָט מען מיר דערקלערט, אויף די וואַ־ליזקעס און מיט די אויגן קיין ארץ־ישראל. אַזוי איז די שטימונג צווישן די ברייטע מאַסן און אַזוי איז די שטימונג צווישן די יחידי־סגולה.

מיט אומגעדולד און בענקשאַפט זיצן בחורים און מיידלעך, אָפּגעראַטע־וועטע פון די לאַגערן, צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד, אין די פאַרשידענע שטאָ־טישע קבוצים און קוקן עקשנות׳דיק אַרויס אויף דעם ליכטיקן צייכן פון דעם נייעם, גרויסן לך־לך, וואָס הייסט פאַר זיי גיין אַהיים, גיין קיין ארץ ישראל !

לאָנדאָן, סוף אויגוסט 1947.

„די צייט״
געגרינדעט אין 1913 פון
מאָררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.



דוד פראַם — פון בען

צום דערשיינען פון פראַמס בוך „אפשר“ צוזאמען מיט דער פּאָעמע „דאָס לעצטע קאַפּיטל“ אויף וועלכן מ׳האָט זיך אָפּגערופן לעצטנס אין דער יידישער קריטיק, זייער וואַרעם.



**ש. ערנסט** (תל אביב)

## חסידות פאַרשונג אין ארץ ישראל

אַ נייער מאָנומענטאַלער בוך וועגן חסידות, וואָס איז אַקאַרשט אַרויס אין תל אביב

דאָס יידנטום אין אייראָפּע איז חרוב ונחרב. דער שרעקלעכסטער שונא, דער אשמדאי היטלער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין האַק איבערן ברייט פאַרצווייגטן און טיף פאַרוואָרצלטן יידנטום אין פוילן, ליטע, לאַטוויא און אונגאַרן, און עס זיינען געבליבן קוים קליינע רעשטלעך פון דער „שארית הפליטה“, וואָס איז זיך צעלאָפן איבער ארבע פינות העולם, פאַרשפּרייט איבער שבעה ימים.

און איצט, מער ווי פריער, זוכט יעדער איינער פון אונז באשר הוא שם די שויס פון נאָענטן עבר, ס׳ווילט זיך אונז צוטוליען אויף אַ ווײַלע צו אונזערע טאַטע מאַמעס, אָפּצופרישן די זכרונות פון דער אַלטער היים. נאָר דערין דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס דער נייער ספר פון יצחק ווערפעל „ספר החסידות“, וואָס איז אַרויס דורך דעם צ. לייבמאַן פערלאַג אין אַ גמרא פאַרמאַט איז זיך צוגאַנגען אין אַזאַ גרויסער צאָל פון עקזעמפּלאַרן און איז געוואָרן „אַ בעסט־סעלער“.

ווערפעל האָט דאָ אויפגעטאָן איין קלייניקייט, ער האָט אונז דערלאַנגט אַן אַנטאָלאָגיע פון דעם צעמענט, וואָס האָט צוזאַמענגעהאַלטן דאָס יידנטום, אויפגעהאַלטן די פרישקייט און זאַפטיקייט אין משך פון די לעצטע דורות.

אנשטאָט חקירות וועגן חסידות האָט ער דורכגעגנישטערט דעם תהום פון דער גאַנצער פאַרצווייגטער חסידישער ליטעראַטור, צונויפגענומען די שענסטע חסידישע תורות פון די גרעסטע הונדערט צדיקים, וואָס האָבן געלעבט פאַר די לעצטע 200 יאָר זינט איר אַנטשטייאונג אין בלי פעריאָד ביז׳ן לעצטן גרויסן פוילישן רבי׳ן דער אסטראָווצער רבי.

צווישן די „בני עליה“ פון חסידות פאַרכאַפּן אייך צדיקים ווי ר׳ נחמן בראצלאווער, וואָס האָט מיט זיינע „ספורי מעשיות“ געשאַפן די בעלעטריסטישע חסידישע ליטעראַטור און ר׳ שניאור זלמן פון ליאדי, דער בעל התניא, וואָס האָט שוין נאָכגעדענקט „מה למטה, מה למעלה“ און האָט געשאַפן די דינאַסטיע פון ליבאוויטשער חסידות, אַ סינטעז פון דער פילאָזאָפיע פון רמב״ם מיטן התלהבות און מיטן ברען פון ר׳ ישראל בעל שם טוב.

ווערפעל האָט אין זיין „ספר החסידות“ זיך געשטעלט אויפ׳ן היסטאָרישן שטאַנדפּונקט בנוגע צום אויסוואַל און צוזאַמענשטעלן פון דעם מאַטעריאַל. ער האָט פאַרנאָטירט ביי יעדן רבי׳ן וואָס ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין מהלך־המחשבה און פאַר זיין אייגענעם געדאַנקען־גאַנג.

ער וויקעלט פאַר אונז פונאַנדער די תורה׳ס פון הונדערט פון די גרעסטע גוטע יידן זינט דעם גרינדער פון חסידות, ר׳ ישראל בעל שם טוב.

חסידות האָט ווי באַקאַנט דורכגעמאַכט אַ גאַנצע מאַרטירער־געשיכטע.

ס'איז געווען אַ המשך פון דער קבלה, נישט נאָר פון „נסתר", נאָר אויך פון „נגלה", ווייל ר' יוסף קארו דער גאון פון „נגלה", וואָס האָט פאַרפאַסט דעם „שולחן ערוך" האָט גלייכצייטיק אויך געהערט „תורה" פון אַ מלאך און ער איז אויך געווען אַ מיסטיקער, וואָס איז געשטאַנען מיט נאָענטע באַציאונגען מיטן קרייז פון די מקובלים פון צפת.

מיטן דערשיינען פון ר' ישראל בעל שם טוב פאַראייניקט זיך שוין אמונה, שכל מיט געפיל אין איינעם.

די ערשטע משכילים האָבן מיט דער הילף פון דער ליטעראַרישער סאַטירע געזוכט צו באַקעמפן דעם חסידיזם. יוסף פערל (1773-1839) האָט פאַרפאַסט אַן אַנטי־חסידישע סאַטירע „מגלה טמירין" און „בוחן צדיק" און נאָך אים האָט יצחק ערטור (1792-1851) פאַרפאַסט זיין בוך „הצופה לבית ישראל" וואו ער באַנוצט זיך נישט נאָר מיט וויץ, נאָר אויך מיט אַלעגאָריע און פאָליטישע סימבאָלען.

מיטן אויפקום פון ראָמאַנטיזם איז געקומען אַן ענדערונג דערין אין אונזער נייער העברעאישער ליטעראַטור. א. ד. צווייפעל אין זיין ווערק „שלום על ישראל", א. כהנא און זיין אַנטאָלאָגיע „ספר החסידות" און אַנד. האָבן אונז דערלאַנגט אַן אויסוואַל פון דער חסידישער מחשבה.

ביז איצט איז אָבער נאָך נישט געווען אַזאַ אויסשעפּנדיקע אַנטאָלאָגיע ווי דער איצטיקער „ספר החסידות" פון י. ווערפעל, וואו ס'וויקלען זיך פאַר'ן לעזער פונאַנדער הונדערט געשטאַלטן פון דער חסידישער וועלט. ווערפעל ווייזט אַן ווי אַזוי ר' ישראל בעל שם טוב פאַרוועבט זיך ווי אַ וואונדער־לעגענדע, ווי אַ מעשה'לע, ווי ער טרעט אויף אין דער געשיכטע פון דעם יידנטום פון זיין געבורט ביז דער פטירה און ווי ער ווערט אַרומגעהילט מיט אַ קראַנץ פון לעגענדעס.

ווי לעגענדאַרישע געשטאַלטן דערשיינען פאַר אונז אויך ר' ליב שרה'ס און דער שפאלער זיידע און ענלעכע פאָלקס־רביים, וואָס לאָזן נאָך זיך נישט איבער קיין ספרים נאָר מענטשן, וואָס גייען אין זייערע דרכים.

גאַנץ אוקראַינע איז געווען פול מיט די מופתים פון שפאלער זיידן און ער אַליין זיצט גאָר אין אַ וואַלד און דאָרטן צווישן די ביימער טוט ער תפילה צום בורא עולם, אינדערפרי מיט'ן שפּראָץ פון טאָג, איידער די וועלט ווערט פול מיט דברי־שמות.

גערופן האָט מען אים שפאלער זיידע.

פאַרוואָס האָט מען אים אַזוי גערופן? — ווייל ער האָט זיין גאַנצן לעבן מתקן געווען נשמות און זיי מקרב געווען צו גאָט און האָט אויך מגייר געווען גויים און עס זענען באַקאַנט גראַפן, ווי צום ביישפּיל גראַף פּאטאצקי און אַנדערע, וואָס האָבן זיך דורך אים מגייר געווען.

און אָט שילדערט ווערפעל ר' ליב שרה'ס אַלס „איש פלא", וואָס זיין גאַנצער לעבן איז אויסגעפילט מיט לעגענדעס און וואונדער־געשיכטן.

אַ הערלעך געשטאַלט איז ר' שניאור זלמן דער בעל ה„תניא" דער פאָ־



טער פון דער ליובאַוויטשער דינאַסטיע, אַ גרויסע פערזענלעכקייט. אַ גרויסער ייד און מענטש, אַ געמיש פון פילאָזאָפיע און גלויבן פון רמב"ם מיט'ן בעל שם טוב.

פון מלוכת'דיקן חסידיזם פון דער סאַדיגורער דינאַסטיע שילדערט ווערפעל אַלע גרויסע גוטע יידן אָנהויבנדיק פון ר' ישראל'טשע ריזשינער וואָס האָט געגרינדעט אין סאַדיגורע דעם רייכן „הויף" זיינעם וואָס איז געווען אויסגעפוצט מיט גאָלד און זילבער און האָט געהאַט אַ שטענדיקע קאַפּעלע, ביי זיך, ביז דעם טשארטקאווער רבי'ן, וואָס האָט געהאַט חסידים איבער די ראַמען פון זיין לאַנד אויך אין טיף רוסלאַנד און אויך אין אונגאַרן.

אין אַ צייט ווי איצט ווען די אַלטע וועלט איז אַזוי אומזיניק פאַרשוואונדן פאַר אונזערע אויגן, איז ליינמאַנ'ס אויפטו אַרויסצוגעבן אַזאַ אַנטאָלאָגיע פון הונדערט חסידישע געשטאַלטן אַ ווערק פון באַזונדערער וויכטיקייט.

דער מחבר פון „ספר החסידות" יצחק ווערפעל האָט זיך שוין קונה־שם געווען אַלס שרייבער און פאָרשער. ער איז געבוירן און דערצויגן צווישן חסידים און איז דעריבער נישט געצוואונגען געווען צו באַגרעניצן זיך נאָר מיט ליטעראַרישע קוועלן נאָר האָט אויך אָפּגעדרוקט אין זיין אַנטאָלאָגיע אַסך מסורות שבעל־פה און דער גרויסער בוך ענטהאַלט אַן אוצר פון מחשבה און שירה, געדאַנקען־פערל פון אַ גרויסן פּאָעטישן און עטישן ווערט.

ביי יעדן רבי'ן איז אָנגעגעבן אַ קורצע ביאָגראַפיע, וואָס וויקעלט פונאַנדער פאַר'ן לעזער די לעבנס־געשיכטע זיינע. אָנהויבנדיק פון גרינדער פון חסידיזם ביזן היינטיקן טאָג. און אַזוי לויפט אַדורך פאַר די אויגן פונם לעזער אַ תקופה פון צוויי הונדערט יאָר וואָס זיינען פאַרגאַנגען זינט דעם אויפקום פון חסידות, וואָס האָט דורכגעמאַכט מיט שטורם און דראַנג, מיט פיל מיה און מסירת־נפש זיין וואָג פון דור צו דור.

די גמרא זאָגט „בשביל צדיק אחד נברא העולם" (יומא, ל"ח). דאָס לאָזט זיך אויך זאָגן אויפן פערלאַג צ. ליינמאַן, וואָס האָט באַרייכערט די העברעאישע ליטעראַטור מיט אַ גאַנצע ריי וויכטיקע ביכער אויפן געביט פון חכמת־ישראל אין בעלעטריסטיק און אין וויסנשאַפט. פאַר די לעצטע יאָרן האָט ליינמאַן אַרויסגעגעבן אייניקע גאַנץ אינטערעסאַנטע ביכער, וואָס האָבן באַרייכערט אונזער ליטעראַטור. אַזוי דאָס בוך „בית נחמן", דיאַלאָגן צווישן אַ פאָטער מיטן זון, וואו ס'שפּיגלען זיך אָפּ די לעצטע צוויי דורות אין דעם היפשן מהלך, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע יאָרן, „מתהום לתהום", אַ זאַמלונג פון עסייען וועגן די גרעסטע בויער און שאַפער פון דער ליטעראַטור פון דיכטער י. ליכטענבוים. לעצטנס איז אויך אַרויס „דער פּלאַן פון אַ יידישע מדינה" פון לאָרד ביקאנספילד (דיזראעלי), פון דר. נ. מ. געלבער, וואָס ווייזט אַן ווי אַזוי דער גרויסער יידישער שטאַאטסמאַן און פּרעמיער פון ענגלאַנד האָט נאָך 20 יאָר פאַר הערצל'ן געפּלאַנט צו שאַפן אין ארץ־ישראל אַ יידישע מדינה.

לעזער וואָס אינטערעסירן זיך מיט ווערפעל'ס „ספר החסידות" זאָלן זיך ווענדן צו: א. ליינמאַן, ת.ד. 1310, תל־אביב.

יעדער, וואָס קען די טעטיקייט פון „פריינט פון יידישן לשון", ווייס, אַז מיר באַגרעניצן אונז נישט נאָר אויף אונזערע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס מיט דעם שלוש סעודות (אָדער פאָלקסטימלעך שאלעשידעס) אין אונזער „חסידים־שטיבל". ניין, מיר פלעגן פון צייט צו צייט „אַדאַפּטירן" אַ גוטע פּיע־סע, אויפגעפירט פון איינעם פון די היגע יידישע טעאַטערס. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט פלעגן מיר קאָנצענטרירן אַלע אונזערע געטרייע, חברים און פריינט. אַזאַ מין פאַראַנשטאַלטונג איז תמיד געווען אַ יום טוב פאַר אַלע באַ־טייליקטע: פּובליקום, אַקטיאָרן און אָנפירער פון אונזער אָרגאַניזאַציע.

ביי דעם איצטיקן רעפּערטואַר פון די לאָנדאָנער יידישע טעאַטערס, איז נישטאָ וואָס צו אַדאַפּטירן (מיר האָפן זער שטאַרק, אַז עס וועט אַמאָל אַנדערש ווערן), האָבן מיר זיך אונטערגענומען צו גיין אונזער אייגענע וועגן, און אָפּ־שאַצנדיק די טירחה און דעם דערפאָלג, זענען מיר געקומען צום שלוס, אַז מיר זענען אופן ריכטיקן וועג. ס'האָט זיך געלוינט.

ווען איך זאָג, ס'האָט זיך געלוינט, מיין איך נישט עפּעס אַ מאַטעריעלן דערפאָלג — אַ פולע קעשענע מיט קלינגענדיקע מטבעות, אָדער אַ פולן טייס־טער מיט באַנקנאָטן. דאָס האָבן מיר אויך נויטיק אַלס קולטור־אָרגאַניזאַציע מיט ווייט־פאַרצווייגטע אויפגאַבן. איך מיין אין ערשטער ליניע דעם מאָראַ־לישן דערפאָלג: אַ צופרידן גליקשטראַלנדיק פּובליקום פון אַ פּאָר הונדערט מענטשן.

דאָס ערשטע קאָנצערט האָבן מיר געהאַט דעם 5טן סעפּטעמבער אין דער טאָינבי־האָל. דער זאָל איז נישט געווען איבערגעפּאַקט, אָבער דאָך זייער גוט באַזעצט.

מיט קליינע אויסנאַמען איז עס געווען אַ ריין־מוזיקאַלישער אָוונט כנורי. אַ יונגער וויאָליניסט מיט אַ גוטער שולע הינטער זיך, האָט געשפּילט „פּרע־לודיום אין אַלעגראָ" פון פּאַגאַניני־קרייסלער, דעם „בעל שם" פון ערנעסט בלאָך, „די ביען" פון פראַנסואַ שוּבערט, „קאַפּריטשיאָס" פונם ענגלישן קאָמפּאָ־ניסט עלגאַר און אַנדערע. דער יונגער שפּילער איז צוערשט געווען אַביסל אומזיכער און איז געוואָרן שטאַרק און זעלבסטבאַוואוסט ביים שפּילן פון „בעל שם". ער האָט די גאַנצע צייט זייער אויסגענומען ביים עולם און מיר האָפן נאָך צו האָבן פון אים פיל נחת. גוט אויסגענומען האָט זיך אויך אונזער אייגענער קינסטלער־אַמאַטאָר אָדער אַמאַטאָר־קינסטלער נחמן רובין מיט פּרץ'ס „מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע".

די היימישע וואַרעמקייט פונם יידישן פאָלקסליד האָט אונז געבראַכט האנאה מעצגער, ביי וועמען אינטואיציע און דבקות איז מאַנכסמאָל שטאַרקער און ריינער, ווי איר שטים. זי האָט געזונגען: „רבניו, וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען?" „אמר ד'", „ירושלים", „קום אַהער דו פילאָזאָף", „אַ חזן אויף שבת", „אונטער משה'לעס וויגעלע".



„דער חזן אויף שבת" פּאַסט אפשר נישט גוט צו איר שטים, דאָך די מי, וואָס זי האָט זיך געגעבן ביים פאַרטראָגן פון די לידער, האָט אונז באַוויזן, אַז אַ יידיש פאָלקס־ליד פאָרגעטראָגן מיט ליבע און דרך ארץ, וועט אייביק האָבן אַ שטאַרקע ווירקונג אויף אַ יידיש פּובליקום. גוט מיטגעהאָלפן האָט איר ביי דעם דער פּיאַנאָ־באַגלייטער פּאָול ליכטענשטערן.

אַ סענזאַציע פאַרן פּובליקום איז געווען דאָס אויפטרעטן פון דער שאַר־מאַנטער פּיאַנאָ־סאָליסטין סיליאַ ספּענסער, וועלכע איז אַ גוט באַקאַנטע דער־שיינונג אויף דער ענגלישער בינע אונטער אַ באַשטימטן קינסטלער־נאָמען (איך מוז דאָס האַלטן בסוד! א.פ.). זי האָט געשפּילט מיט ווירטואָזער זיכער־קייט פּיאַנאָ־סאָלאָס פון באַך, מענדעלסאָן, שאָפּען און די באַקאַנטע „אַלעגראָ פאַסיאָנאַטאַ" פון סאַינט סענס. די באַקאַנטע פּיאַניסטין, די טאָכטער פון אונזער חבר יהודה ביעטש, האָט די שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן ערלעך פאַרדינט.

אחרון, אחרון חביב וויל איך דערמאָנען אונזער יודל גאָלדבערג. ער האָט שוין אָפט געהאָלפן צו באַשיינען אונזערע שמחות. ביי זיין אויפטרעטן איז ער געווען אַ שיינע טעאַטער־פיגור, און כאָטש זיין פּראָגראַם איז נישט געווען קיין ריין־ליטעראַריש אויסגעקליבענער, האָבן מיר, זיינע נאָענטסטע פריינט און אפשר אויך אַ גרויסער טייל פונם פּובליקום געשפּירט, אַז ער קען געבן מער, ווי דאָס, וואָס מיר האָבן געהערט. יודל גאָלדבערגן מוז מען, ווי יעדן רייפן קינסטלער, געבן צייט זיך צוצוגרייטן צו דער עובדה. דאָס האָבן מיר נישט געטון. מיר האָפן אים צו זען אויף אונזערע שפּעטערדיקע מוזיקאַלישע און וואָרט קאָנצערטן.

דערמאָנען וועל איך נאָך, אַז אויסגעצייכנט האָבן זיך אויך די פּיאַנאָ־באַ־גלייטערין מאַרגאַרעט אָפּענהיימער (ביי כנורי) און דער אין לאָנדאָן שוין גוט באַקאַנטער פּיאַניסט דר. קאָוואַלסקי, וועלכער האָט זייער לעבעדיק אַסיסטירט יודל גאָלדבערג ביי זיינע מעלאָדראַמאַטישע רעציטאַציעס.

אונזער צווייט קאָנצערט האָבן מיר געהאַט אינם לאָקאַל פון בן־אורי קונסט־גאַלעריע אין פּאָרטמאַן סטריט. מען קען אויך זאָגן, אַז בן־אורי האָט געהאַט אַ יידיש־מוזיקאַלישן זונטאָג־אָוונט, פאַראַנשטאַלטעט און אויסגעפירט מיט דעם ווילן און מיטווירקונג פון „פריינט פון יידיש לשון", זונטאָג דעם 26טן אָקטאָבער אום 8 אַזייגער אין אָוונט.

אונזער פּאַרזיצער א. נ. שטענצל האָט געהאַלטן אַן אינטערעסאַנטע קור־צע איינפירונג איבערן יידישן פאָלקס־ליד און יידישן פאָלקלאָר. פאַרשיידענע פון די אויסגעפירטע געדאַנקן געפינען מיר אין זיינע אַרטיקלען איבער יידיש־לשון, יידישן פאָלקלאָר און יידישע קולטור.

דעם הויפּט־טייל פונם פּראָגראַם האָט אויסגעפירט די זינגערין חנה מעצ־גער מיט דער פּיאַנאָ באַגלייטונג פון פּאָול ליכטענשטערן. כאָטש דער אָוונט איז געווען געמיינט אַלס אַ ריין פאָלקסלאָריסטישער, האָט די קינסטלערין אויך אַריינגעמישט אַנדערע מאָטיוון. זי איז געוואָרן באַלוינט פון אונזער פּובלי־קום מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

אינם צווייטן טייל האָט משה עובד געריידט אַ פּאָר ווערטער איבער דער טעטיקייט פון „פריינט פון יידיש לשון" און זיין דיכטונג „די יידעלעך פונם אלף־בית" — מוזיק קאָמפּאָנירט פון פּאול ליכטענשטערן.

מיר, וואָס האָבן מיט חדשים צוריק געהאַט די געלעגנהייט צו הערן די קארפּאַטא־אוקראַינישע קינדער ביים גרויסן קאָנצערט אונטער דער לייטונג פון שלמה קאָהן אין דער טאַינבי־האָל, קענען אורטיילן אַז די מוזיקאַלישע ווערסיע פון משה עבוד׳ס „יידעלעך פון אלף־בית", קאָמפּאָנירט פון יוסף ביאַלסקי איז ריטמישער, יידישער און פאָלקסטימלעכער, ווי די לעצטע.

ווי עס זאָל נישט זיין, מיר זענען מיט דעם אָנהויב צופרידן: צוויי קאָנצערטן. ס׳איז אַ שיינער אָנהייב און ס׳וועט אויך זיין אַ המשך.

פ־ל־שאַק.

## אַ נייער באַנד „מיין לעקסיקאָן" פון מלך ראַוויטש, איצט דערשינען

מלך ראַוויטש — מיין לעקסיקאָן, 2, יידישע פּובליציסטן, זשורנאַליסטן, אַקטיאָרן, מאַלער, פּאַרטיי־פירער, קולטור־פירער, קולטור־טוער אין פּוילן צווישן די צוויי גרויסע וועלט־מלחמות, מיט „אַ וואָרט פון מחבר". אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, 1947. 300 זייטן.

דאָס בוך מיט 99 פּען־פּאָרטרעטן פול מיט פּערזענלעכע זכרונות פון צענדליקער קינסטלער, פּובליציסטן, זשורנאַליסטן, קולטור־טוער און פּאַרטיי־פירער רעקאָנסטרואירן צוזאַמען אַ פילפאַרביק און פאַרצווייגטע משפחה פון יידישע שעפערישע מענטשן אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן אין פּוילן צווישן די צוויי וועלט מלחמות.

אין בוך פון 300 זייטן גייען אַריין צווישן אַנדערע פּאָרטרעטן פון פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן — אַלעקסאַנדער כאַשין — נחמן מייזיל — שלמה מענדעלסאָן — מאַקס עריק — דר. שמחה פּיעטרושקאַ — לעאָ פינקעלשטיין — זלמן רייזען — דר. עמנואל רינגעלבלום — דר. יצחק שיפּער — רחל אויערבאַך — יוסף העפּטמאַן — צבי פּרילוצקי — יצחק גרינבוים — אַרטור זיגלבוים — זרובבל — נח — הענריק ערליך — פּראָפעסאָר משה שאָר — הערץ גראָסבאַרט — דר. מיכאל ווייכערט — די פיר ברידער טורקאָוו — אברהם מאָרעווסקי — קלאַרא סעגאַלאָוויטש — אסתר רחל קאַמינסקאַ — יעקב ראַטבוים — באָריס קלעצקין — ש. ל. ציטראָן — און אַזוי ווייטער.

דאָס בוך איז שיין אַרויסגעגעבן, גוט פּאַפּיר און שיינער איינבונד.

צו ווענדן זיך:

JEWISH BOOK CENTER
*5368 St. Urbain, Montreal, Canada.*





דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — ייוואָ אין ענגלאַנד האָט באַנייט זיין טעטיקייט און טרעט צו צו אַ ברייטערער וויסנשאַפטלעכער און קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

דער נאָנטסטער אַרבעט־פּראָגראַם נעמט אַרום: וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, קודם־כל — וועגן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ענגלאַנד פאַר די לעצטע הונדערט יאָר; זאַמלונגען פון ריין־היסטאָרישע און קולטור־געשיכטלעכע מאַטעריאַלן פאַרן צענטראַלן ייוואָ־אַרכיוו און פאַרן אַרכיוו פון דעם ייוואָ־אָפּטייל אין ענגלאַנד; פאַרשפּרייטונג פון די ייוואָ־ביכער און פּעריאָדישע אויסגאַבעס; עפנטלעכע פאָרלעזונגען וועגן די אויפגאַבן פון ייוואָ, אין שייכות מיטן צוריקאויפבוי און אויפהאַלט פון אַ יידיש קולטור־לעבן אין דער גאָרער וועלט; אַ ציקל לעקציעס וועגן דער יידישער סאָציאַליסטישער און ציוניסטישער באַוועגונג (50 יאָר בונד און ציוניזם); גרינדונג פון אַ ייוואָ־קלוב מיט אַ ביבליאָטעק און לייען־זאַל.

די לעצטע אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די ייוואָ־מיטגלידער, וואָס איז גערופן געוואָרן צום שלשים פון פאַרשטאָרבענעם פאַרזיצער פונעם ייוואָ־אָפּטייל אין ענגלאַנד, שלמה גאָלדענבערג ז״ל, האָט געוויילט אַ ראַט פון 21 מיטגלידער. דער ראַט האָט אויסגעוויילט פה־אחד אַלס פרעזידענט פון ייוואָ אין ענגלאַנד — דר. שמעון ראַווידאָוויטש און אַלס וויצע־פרעזידענט — הרב דר. אַלעקסאַנדער אַלטמאַן, ווי אויך אַן עקזעקוטיווע פון 11 מיטגלידער.

אין דער עקזעקוטיווע גייען אַריין:

לעאָ קעניג — פאַרזיצער.

י. נאַטאַני און י. פאַדרוזשניק — וויצע־פאַרזיצערס.

ע. סאָסנאָוויטש — קאַסירער.

י. מייטליס — וויסנשאַפטלעכער ערן־סעקרעטאַר.

ל. פינעס — ערן סעקרעטאַר.

ל. בליט, י. העלער, ג. הויז, ע. וו. פאַדאַלסקי און מ. קייזער.

גענויערע אינפאָרמאַציעס אין צייטווייליקן סעקרעטאַריאַט:

57, Eton Avenue, London, N.W.3. Tel. PRImrose 5275.

## קולטור ידיעות פון דאָ

די טעג איז דערשינען אַ גרעסערע דערציילונג „מלאכה בזויה" פון א. י. ליסקי מיט צייכנונגען פון באַקאַנטן מאָלער דוד באָמבערג. ביים גיין צום דרוק דערוויסן מיר זיך אַז דאָס בוך איז צוריקגעצויגן פונם פאַרקויף.

* *

עס איז אַרויס פון דרוק אַ טעאַטער שטיק פון מאָרים קאַץ: „דעם נאַציס יידישע טאָכטער", וועלכעס איז געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג אין בוענאָס־איירעס.

* *

דער באַקאַנטער טעאַטראַל און רע־

זשיסאָר יעקב ראָטבוים האָט געוויילט אייניקע טעג אין לאָנדאָן אויף זיין דורכרייזע פון פוילן נאָך אמעריקע.

* *

אין „ניי יידיש טעאַטער" איז יעצט אָנגעקומען דער אַקטיאָר לעאָן קאַס־ווינער פון די ווילנער טרופּע.

אין טעאַטער גרענד פּאַליי די פּאַ־ריזער טענצערין קרילאָווא.

* *

די באַקאַנטע אַקטריסע און רעצי־טאַטאָרין ניוסאַ גאָלד איז אויפגע־טרעטן אויף אייניקע וואָרט־קאָנצערטן מיט גרויס דערפאָלג.

* *

די באַקאַנטע זינגערין חיהלע גרו־בער איז גע קומען אין לאָנדאָן אויפ־צוטרעטן אויף לידער קאָנצערטן.

* *

דער פּראָפּאַגאַנדע קאָמיטעט ביים אַרבעטער רינג, די פרויען סעקציע און בראַנזש 3 מאַכן אַ באַנקעט פאַר די שרייבערין קייטי בראַון לכבוד דעם דערשיינען פון איר בוך.

דער אַרבעטער רינג פּראָפּאַגאַנדע קאָמיטעט טרעטן צו נייער טעטיקייט מיט יידישע רעפעראַטן יעדן זונטיק.

יעדן דאָנערשטיק אָוונט אין אַרבע־טער רינג קורסן פאַר געשיכטע, ליטע־ראַטור און עקאָנאָמיע.

* *

אין יידישן זשורנאַליסטן און שריי־בער פאַריין איז געגעבן געוואָרן אַ געזעל טיי לכבוד ד"ר שמואל אייזנ־שטאַדט, דעם פּאָרזיצער פון ועד הלשון און די אַקטריסע ניוסאַ גאָלד.

* *

רעוו. י. ק. גאָלדבלום איינער פון די פּיאָנערן פון ענגליש ציוניזם, דער באַגרינדער פון העברעאישן חינוך אין ענגלאַנד, דער דירעקטאָר פון די רעד־מאָנדס־ראָד תלמוד תורה זייט 1901 פייערט יעצט זיין 75 יובילעאום.

* *

ד"ר אייזנשטאַדט, אויף זיינס אַ פּאָרטראַג ביי פריינט פון יידיש לשון האָט דערקלערט, כדי צו פערווירקלעכן די אידייע פון אַ יידישן פאָלקס פראָנט האָט ער באַשלאָסן אַרויסצוגעבן זיין אויסגאַבע „ליכוד" איןביידע שפּראַכן אין יידיש און העברעאיש.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנאַרד סטריט, א.1 — 3 אַ זייגער

שבת, דעם 1שטן נאָוועמבער, אַ קבלת־פּנים פאַר דעם אַקטיאָר לעאָן קאָסיווער.

שבת, דעם 8 וועט דער באַקאַנטער אַקטיאָר שלמה קאָהן זיך געזעגענען מיט רעציטאַציעס און דעקלאַמאַציעס פאַר זיין אָפּפאָרן קיין קאַנאַדע.

שבת, דעם 15־טן וועט דער אַרבעטער און קולטור טוער אַלעק וואָטער־מאַן האַלטן אַ פּאָרטראַג 30 יאָר סאָוויעט־רוסלאַנד.

שבת, דעם 22 וועט ד"ר יאָשקע ליפשיץ האַלטן אַ פּאָרטראַג 50 יאָר בונד און אסתרל זילבערבערג און פייגעלע אינפעלד. פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט־גרופּע וועלן רעציטירן.

שבת, דעם 29־טן געווידמעט דעם שאַפן פון דער נייער יידיש־אַמערי־קאַנישער דיכטונג.



### מזל טוב

צו די תנאים פון פריינט **ישראל דוד שפּעטמאַן**, דער זון פונם רב המפורסם **רבי יהושע** און **רבנית רחל שפּעטמאַן**, מיט פריילין **רבקה** (בעטי) **מאָרריס** ווינטשן מיר אַ האַרציקן מזל טוב.

פריינט פון יידיש לשון.

### א גראַטולאַציע

מיר באַגריסן אונזער קאָמיטעט מיט־גליד **נעט רובין** און **פרוי** צו דער בר מצוה פון זייער זון **שלמה קלמן**. מיר ווינטשן אַז זיי זאָלן דערלעבן פיל נחת.

דער קאָמיטעט פון פריינט פון יידישן לשון.

---

**דער**

**פּלאַץ**

**איז**

**רעזערווירט**

**פאַר**

**י. ביעטש**

---

### מזל טוב

אַ האַרציקן מזל טוב מיין אייניקער, גרעאַטעוועטער שוועסטער, **שרהלע**, און שוואָגער, **אברהם בוימער**, צום געבוירן ווערן פון זייער טעכטערל, **גיטעלע**, אין העססען, דייטשלאַנד.

זאָל אייך דאָס ניי־געבוירענע לעבן העלפן ווידער אויפצוועקן אייער אויסגעלאָשענע פרייד, און געבן כח צו גלויבן אין אַ ליכטיקערע צוקונפט.

אייער געטריי ליבנדיקע שוועסטער

דאָרא דימאַנט

### א גראַטולאַציע

דעם פּאָעט

**יוסף הלל לעווי** און **פרוי**

אַ האַרציקן

**מזל טוב**

צו זייער ערשטן אייניקל

„לשון און לעבן"

---

### געזוכט קרובים

איך זוך מיין שוועסטער יענטע, שוואָגער יודעל און קינדער, גאָלדין. זיי האָבן געוואוינט אין וואָלקאָוויסק, ליטע. דאָס לעצטע מאָל האָב איך גע־הערט פון זיי אין 1938. זיי זיינען גע־ווען בעקערס. ווער עס ווייס פון זיי אָדער זיי אַליין זאָלן זיך מעלדן צו:

Mr. N. Levenson, 6, St. Mary's Road, Leeds.

---

שבת, דעם 8־טן נאָוועמבער 1947
6 אַ זייגער
אין **לאָקאַל פון יידישן** ארבעטער
רינג, עלי סטריט, א.1.
וועט „פריינט פון יידיש לשון"

## אויספּלעטן די ווערק
## פון שלום עליכם

אַ פּלעט 1 שילינג
איינטריט צום נאָכפאָלגנדיקן באַנקעט
3 שילינג
אָנפירונג מיטן אָוונט אליהו פּאַלושאַק
מיט רעציטאַציעס און דעקלאַמאַציעס
וועלן אויפטרעטן:
אייזיק גאָלדבערג, נעט רובין,
פריינט לעמל א. א.
פאָרזיצער:— י. ביעטש
באַזאָרגט אייך מיט בילעטן און העלפט
מיט די טעטיקייט פון
„פריינט פון יידיש לשון"

די סוף־חודש זונטיקס
פון „פריינט פון יידיש לשון"
ביים „בן־אורי"

## „בן-אורי" קונסט גאַלעריע

14, פּאָרטמען סטריט, וו.1.
זונטיק דעם 30־טן נאָוועמבער 1947
8 אַ זייגער
אינם לאָקאַל פון „בן־אורי" אַ

## י. ל. פּרץ אקאדעמיע

עס וועלן זיך באַטייליקן מיט רעציטאַציעס און דעקלאַמאַציעס: שוישפּילערין דאָראַ דיאַמאַנט, אייזיק גאָלדבערג און אסתרל זילבערבערג און פייגעלע אינפעלד פון די יוגנד־בונד גרופּע.
אריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי!
נישט מיטגלידער — 1 שילינג
טיי וועט סערווירט ווערן

---

## לאנדאנער אידישער פאלקס טעאטער

COMMERCIAL ROAD, E.1 Tel.: BIS 2646.
מענעדזשערעס: מרס. נ. אייזיקאָוויטש.

## די לאנדאנער חברים־טרופּע
## מאיר צעלניקער און חנה צעלניקער

צוזאַמען מיט די באַליבטע קינסטלער לויט'ן א"ב:
אנא בוים, מאד. סאראקין, אנא צעלניקער, מארזשי שערמאן, איידא שערמאן.
מאקס איצקאוויטש, מאקס בוים, הארי וואכטעל, וואלדעמאר היינצע, אלבערט פוקס, מאיר צעלניקער, יאזעף שערמאן בן תלמי.

מוזיקאַלישער אָנפירער: **פהיל בערנשטיין.**

אָנפאַנג יעדן אָבענד אַחוץ פרייטאָג 7.30. זונטאָג מאַטינע 3 אַזייגער.
• • אָרגאַניזאַציעס, בוקט אייערע בענעפיטס באַצייטענס • •

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St, London, E.1*

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור
אַכטער יאָרגאַנג דעצעמבער 1947 לאָנדאָן **נומער 12** (העפט 96)
רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט:

| | |
|---|---|
| מזמור שיר חנוכת הבית לדוד (תהלים ל), נחמיה ד — ** .. | 1 |
| סך־הכל — 1947, א. צום סך־הכל — ** .. .. .. | 2 |
| דער אמת קלאַפּט אין פענסטער (חנוכה) — דוב וואַרשאַווסקי | 5 |
| נס חנוכה—„בזמן הזה" (צו דער „יונאַ" רעציזיע צו שאַפן אַ יידישע מדינה) — נחום שטענצעל | 9 |
| גיטאַנזשיאַלי — ראַבינדראַנאַטה טאַגאָרע .. .. | 10 |
| די מכב"ים—חנוכה־לאַטקעס (ליד, באַלאַדע) — א. נ. שטענצל | 11 |
| בן אלי און אַ לייבעלע (פון דער סעריע איבערלעבענישן) — משה עובר .. .. | 14 |
| צוויי ליבע־לידער — דאָרע טייטלבוים .. .. | 17 |
| שמע ישראל (דערציילונג־המשך) — יוסף הלל לעווי .. | 18 |
| מיניסטער געצל און זיין שפּענצער (פון דזשעק דעם קאַטערס מעשיות) — א. מ. קייזער .. | 23 |
| דאָס רוסישע יידנטום אין אונזער קולטור איבערבוי, קיום און יידישקייט (צוויי עסייען) — לעאָ קעניג .. | 28 |
| ווי אַזוי אַן ארץ־ישראל ייד קוקט אויף מענדעלע מוכר ספרים (צו זיין 30־טן יאָרצייט) — ש. ערנסט .. | 34 |
| דעם נאַצי'ס יידישע טאָכטער (רעצענזיע) — ל. ש. קרעדיטאָר | 38 |
| מענטשלעכע דאָקומענטן און דאָקומענטן פון אונמענטשלעכקייט (רעצענזיע) — אליהו פּאַלושאַק .. .. | 40 |
| צוויי וואָרט־קאָנצערטן: 1 חיהלע גראָבער, 2 ברכה צפורה — ש. | 43 |
| יידישע זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי פאַרן קיין ארץ ישראל (באַריכט) — ז. קאַפּלאַן .. .. .. .. | 47 |
| צדה לדרך אויף נסיעה — יידיש און העברעאיש פאָלקס־ליד .. | 49 |
| שלמה קאָהן .. .. .. .. .. .. .. | 50 |
| יהודית מאָרעצקאַ — א. מ. .. .. .. .. | 51 |
| אַן אָפענער בריוו פון י. א. ליסקי און אַן ענטפער פון דער רעדאַקציע | 52 |
| חסידישע־פאָלקלאָר (ערשטע סעריע: די אַלטע קאַצקער) — יחזקאל ערליכמאַן .. .. .. | 53 |
| קולטור ידיעות פון דאָ .. .. .. .. .. | 55 |
| מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס .. .. | 56 |

**פּרייז 1 שילינג**

אבאָנענטס־פּרייז:—13/6 פאַר אַ יאָר;
אין אויסלאַנד:—3 דאָלאַר אַ יאָר
1/3 פאַר אַ פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן א.1.